# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

משפטים

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
**mail@derparshakval.com**
**718.484.8136**

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
**Wholesale@BeerEmunah.com**

*באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

*לשה"ק*
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

*אידיש*
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

*אנגליש*
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

*היספאניש*
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

*פראנצויזיש*
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

*איטאליעניש*
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

*רוסיש*
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# תוכן הענינים

## פרשת משפטים


**והאלוקים אנה לידו** - קיינער קען דיך נישט שעדיגן אויב דער בוכ"ע לאָזט נישט ........... ב

**ועשית הישר והטוב** - אַ איד דערקענט זיך דווקא ווען ער איז גערעכט .................. ו

**ואנשי קודש תהיון לי** - יעדער וואָס היט זיך די אויגן און מויל קען באַווייזן מופתים .........יג


**ספה"ק בת עין**

... **וְנוּכַל לְרַמֵּז בָּזֶה דֶּרֶךְ וְהִילּוּךְ לַעֲבוֹדַת ה'**, קען מען מרמז זיין אין די פסוק א וועג און א צוגאנג ווי אזוי צו דינען דעם באשעפער. **דְּהִנֵּה עִיקַּר עֲבוֹדָה הוּא בִּבְחִינַת אֱמֶת** די עיקר עבודה פון א מענטש איז ער זאל זיין אין די בחינה פון 'אמת', **הַיְינוּ שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵדַע בְּעַצְמוֹ מִיעוּט עֶרְכּוֹ הַשָּׁפֵל** ד"ה אז יעדער איינער זאל וויסן ווי ווייניג זיין ווערד איז, **וַאֲפִילּוּ מִי שֶׁבָּא וְנִתְעַלָּה לִבְחִינַת דַּרְגָּא** און אפילו איינער וואס איז שוין צוגעקומען און געווארן דערהויבן צו עפעס א דרגא אין עבודת השם, **יֵדַע בְּעַצְמוֹ בְּאֵיזֶה דַּרְגָּא עוֹמֵד** זאל ער אליין וויסן אין וועלכע מדריגה ער שטייט, **וְלֹא יִתְעַלֶּה בְּמַעֲלוֹת אֲשֶׁר לֹא לוֹ** און ער זאל נישט ארויפגיין אין מעלות וואס איז נישט פאר אים, **וְהֵמָּה לְמַעְלָה מִבְּחִינָתוֹ** און וואס איז העכער פון זיין בחינה.

**הַיְינוּ מִי שֶׁעֲדַיִין לֹא מָאַס בְּתַאֲווֹת הָעוֹלָם הַזֶּה בְּתַכְלִית הַמִּיאוּס** ד"ה ווער עס האט נישט פארמיסט אין די תאוות פון די וועלט מיט די גאנצע פארמיסקייט, **וְאֵין לוֹ תְּשׁוּקָה לְבוֹרֵא עוֹלָם בָּרוּךְ הוּא בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ מַמָּשׁ** און ער האט נישט קיין גלוסטונג צום באשעפער מיט אזא גלוסטונג ממש אז זיין נפש גייט אויס פון אים, **וּמֵחֲמַת זֶה עֲדַיִין לֹא הִשִּׂיג כְּפִי שׁוֹרֶשׁ מַדְרֵיגַת נִשְׁמָתוֹ** און דערפאר האט ער נאכנישט דערגרייכט וויפיל זיין נשמה דארף דערגרייכען, **עַל כֵּן אֵין לוֹ לִתְפּוֹס בְּמַדְרֵיגָה שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִמֶּנּוּ** און דערפאר זאל ער זיך נישט אנכאפן אין א מדריגה וואס איז העכער פון זיין אמת'דיגע צושטאנד אין עבודת השם ... **כִּי יָכֹל לָבֹא עַל יְדֵי זֶה לִבְחִינַת נְפִילָה** ווייל ער קען צוקומען דורכדעם צו די בחינה פון נפילה (פאלן).

... **עַל כֵּן הָעִיקָּר שֶׁיִּהְיֶה הָעֲבוֹדוֹת שֶׁלּוֹ בִּבְחִינַת אֱמֶת** דערפאר איז די עיקר אז א מענטש זאל זעהן אז זיין עבודה זאל זיין מיט די בחינה פון אמת, **שֶׁהוּא דָּבָר הַקַּיָּים** וואס 'אמת' איז א שטענדיגע זאך, **הַיְינוּ שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד יֵדַע הַמַּעֲמָד שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדוֹת ה'** דאס מיינט אז יעדער איינער און איינער זאל וויסן זיין אייגענע צושטאנד אין עבודת השם, **וּבְאֵיזֶה דַּרְגָּא הוּא עוֹמֵד** און אין וואספארא דריגה ער שטייט, **וְזֶהוּ בְּחִינַת אֱמֶת** און דאס איז די בחינה פון אמת.

... **וּבָזֶה יָכוֹל לִבְנוֹת וּלְתַקֵּן הַכֹּל** און מיט די מדה פון אמת קען ער אלעס מתקן זיין, **כִּי הוּא דָּבָר הַקַּיָּים** ווייל 'אמת' איז א זאך וואס האלט זיך. יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן. **(משפטים ד"ה כי תקנה עבד)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת משפטים

## והאלוקים אנה לידו - קיינער קען דיך נישט שעדיגן אויב דער בוכ"ע לאָזט נישט

'ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם' (כא, א).

**פרעגט** דער 'אזור אליהו' (פון הגה"צ רבי אליהו לערמאַן זצ"ל אב"ד וויסקיט), אַז דער גאַנצער פסוק זעהט אויס לכאורה איבעריג. וואָס קומט די תורה אונז זאָגן דערמיט, און פאַרוואָס הייבט זיך נישט אָן די פרשה באַלד מיט'ן פסוק 'כי תקנה עבד עברי' (פסוק ב).

**אויך** פרעגט ער אויף די ווערטער פון רש"י ז"ל (און דער מקור דערפון איז פון מכילתא), 'מה הראשונים מסיני, אף אלו מסיני'. פונקט אַזוי ווי די פריערדיגע מצוות (די 'עשרת הדברות') זענען געגעבן געוואָרן צו די אידן אויפ'ן באַרג סיני, אַזוי זענען אויך די דינים וואָס שטייען געשריבן אין פרשת משפטים, געגעבן געוואָרן אויפ'ן באַרג סיני.

**איז** שווער, וואָס איז דער חידוש? פאַרוואָס זאָל מען האָבן אַ הוה אמינא, אַז די אַנדערע מצוות אין דער תורה, זענען נישט געגעבן געוואָרן אויפ'ן באַרג סיני?

**ענטפערט** דער 'אזור אליהו', אַלע דינים 'בין אדם לחבירו' וואָס שטייען אין דער היינטיגער סדרה, רעדן אויף אַן אופן ווען איינער האָט גורם געווען אַ שאָדן פאַר אַ צווייטן (אינעם גוף, אָדער אַ געלט שאָדן), ווי עס שטייט (פסוק יח) 'וכי יריבון אנשים' וגו' 'כי ינצון אנשים' (פסוק כב), און 'כי יפתח איש בור' (פסוק לג). דאָס זעלבע, די דינים פון גניבה און אַנדערע ענינים פון געלט זאַכן. און כדי דער מענטש זאָל נישט האָבן אַ טעות צו טראַכטן אַז 'דער' האָט מיר גורם געווען דעם שאָדן, און אַ צווייטער האָט מיר געמאַכט אַן אַנדערן שאָדן, און אַז די הנהגה פון דער וועלט איז נישט מיט די השגחה פרטית פון דעם אויבערשטען, אויף דעם זאָגן חז"ל, 'מה הראשונים מסיני, אף אלו מסיני', אונז צו לערנען אַז אַלעם איז פון הימל, און אויך די דינים וואָס שטייען געשריבן אין דער היינטיגער סדרה, זענען פון 'באַרג סיני'... ווייל פון הימל איז נגזר געוואָרן אויף דיר אַ געלט שאָדן, אַ גניבה און ענליכע זאַכן, און דערנאָך ווערט מען געפינען דעם גנב און ער ווערט דאַרפן באַצאָלן 'כפל'.

**צוליב** דעם טעם, הייבט אָן די פרשה מיט'ן פסוק 'ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם', על דרך ווי דער פסוק זאָגט (תהלים לו, ז) 'צדקתך כהררי א-ל משפטיך תהום רבה'. דוד המלך גלייכט צו די משפטים פון די תורה, צו אַ 'תהום'. פונקט אַזוי ווי די טיפקייט פונעם תהום קען אַ מענטש נישט נאָכגיין, אַזוי קען מען נישט נאָכגיין צו פאַרשטיין דעם דעת פון דעם אויבערשטען כביכול. אַלע 'משפטים' זענען אין זייער מהות, אַ בחינה פון 'צדקתך כהררי א-ל', אַז אַלעם איז מיט גערעכטיגקייט און מיט רחמים.

**אַזוי** טייטשט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זצ"ל ('חפץ חיים' על התורה), דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כא, יח-יט) 'וכי יריבון אנשים והכה איש את רעהו באבן או באגרוף, ולא ימות ונפל למשכב וגו', רק שבתו יתן ורפא ירפא', און די גמרא זאָגט (ב"ק פה.) 'ורפא ירפא', 'מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות'. זאָגט רש"י, דער חולה האָט רשות צו גיין צום דאָקטאָר, און מ'זאָגט נישט אַז אויב דער אויבערשטער האָט איהם קראַנק געמאַכט ח"ו, ווי אַזוי קען ער טוהן קעגן דעם רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא און זיך גיין היילן, נאָר די תורה גיט דאָ קלאָר רשות פאַר דעם מענטש, צו גיין צו אַ דאָקטאָר אַז ער זאָל איהם היילן.

**דאַרף** מען לכאורה פאַרשטיין, דער פסוק רעדט דאָך דאָ פון אַ מענטש וואָס האָט געשלאָגן אַ צווייטן מענטש, פאַרוואָס זאָל מען טראַכטן אַז דאָס גיין צום דאָקטאָר אין אַזאַ פאַל, ווערט ער טוהן קעגן דעם רצון פון דעם אויבערשטען וואָס האָט איהם געשלאָגן? דער אויבערשטער האָט דאָך איהם נישט געשלאָגן, נאָר דער חבר האָט איהם געשלאָגן?

ענטפערט דער 'חפץ חיים', אַז פון דא זעהען מיר, אַז אפילו אויב דער מענטש מיינט אַז זיין חבר האָט איהם געשלאָגן, זאָל ער וויסן אַז באמת, איז די מכה אינגאַנצן נישט געקומען פון אַ 'בשר ודם', ווייל דער מענטש האָט נישט קיין אייגענעם כח צו שעדיגן, אויב מ'האָט נישט אויסגערופן וועגן דעם אין הימל. נאָר 'רחמנא מחי' - דער אויבערשטער האָט איהם געשלאָגן, און צוליב דעם דאַרף ער באַקומען אַ ספּעציעלע ערלויבעניש צו גיין צו אַ דאָקטאָר זיך צו היילן[א].

---

**א.** אין אַ ישיבה אין ארץ ישראל, האָבן געלערנט צוויי בחורים: איינער האָט געהייסן יעקב, און דער צווייטער האָט געהייסן משה אהרן. זיי זענען עלטער געוואָרן, און עס האָט זיך נישט געמאַכט אַ שידוך. האָבן זיי באַשלאָסן זיך אויסצולערנען די פאַך פון בוכהאַלטעריי (Bookkeeping), כדי צו האָבן אין די הענט אַ פאַך צו ברענגען פרנסה אין שטוב, ווען די צייט וועט קומען דערצו. זיי האָבן מצליח געווען און האָבן זיך גוט אויסגעלערנט דעם פאַך.

שפּעטער, ווען ביידע האָבן חתונה געהאַט בשעה טובה ומוצלחת, איז יעקב באַלד אָנגענומען געוואָרן אַלס בוכהאַלטער אין אַ גרויסער פאַבריק (ער איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן אַלס פערטער בוכהאַלטער, צוזאַמען מיט נאָך דריי מענטשן וואָס זענען שוין געווען דאָרט פריער), און ער האָט נושא חן געווען ביי דעם מענעדזשער, און ביי די אַרבעטער פונעם פאַבריק. משה יעקב האָט אָבער נישט געפונען אַן אַרבעטס-פלאַץ, און ער האָט זיך זייער געפּלאָגט אויף פרנסה. זיין ידיד, יעקב, האָט זיך באַמיט צו געפינען אַרבעט פאַר משה אהרן, אָבער אָן ערפאָלג.

אין אַ געוויסן טאָג, האָט יעקב געזעהן אַז דער מענעדזשער פונעם פאַבריק וואו ער אַרבעט, זוכט מען אַ פינפטן בוכהאַלטער, האָט ער זיך געוואָנדן צום 'מענעדזשער' מיט אַ בקשה, אָנצונעמען זיין ידיד משה אהרן, וועמען ער האָט פאָרגעשטעלט פאַר דעם מענעדזשער אַלס אַ גרויסער מומחה אין 'בוקקיפּינג'. וויבאַלד דער מענעדזשער האָט זייער שטאַרק געשעצט יעקב'ן און זיינע פעאיגקייטן, האָט ער געפאָלגט זיין עצה, און אַריינגענומען משה אהרן'ען צו אַרבעט אין די פאַבריק און דער מצב פון פרנסה האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט ביי משה אהרן.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער מענעדזשער זיך געדאַרפט אַוועקציען פון דאָרט און גיין וואוינען אין אַ צווייטע שטאָט, און ער האָט געדאַרפט אויסוויילן צווישן זיינע בוכהאַלטער ווער עס זאָל איבערנעמען זיין פּאָסטן פון היינט און ווייטער, ווייל דער מענעדזשער באַקומט דאָך אַ גרעסערן געהאַלט ווי די אַנדערע אַרבעטער. יעקב, וועלכער איז - ווי געזאָגט - געווען באַליבט ביי דעם מענעדזשער, איז געווען זיכער ביי זיך אַז ער וועט באַקומען דעם הויכן אַמט. ער האָט יעדע פּאָר מינוט געקוקט אויף זיין טעלעפאָן, צו זעהן אויב דער מענעדזשער האָט שוין טעלעפאָנירט צו איהם כדי איהם אָנצובאָטן צו אַרבעטן אַלס הויפּט מענעדזשער. דער דאָזיגער טעלעפאָן רוף האָט זיך אָבער געזוימט אָנצוקומען...

צומאָרגענס, האָט זיין לאַנגיאָריגער חבר משה אהרן איהם טעלעפאָנירט, און איהם איינגעלאַדן צו קומען טרינקען אַ 'לחיים', לכבוד זיין נייעם פּאָסטן אַלס מענעדזשער פון די פאַבריק...

יענע סעקונדע, האָט זיך אויפגעבויט אַ 'וואַנט' אין יעקב'ס האַרץ, אין באַצוג צו זיין חבר משה אהרן, און יעקב איז אַרומגעגאַנגען פול מיט טענות: **איך האָב דאָך אַריינגעברענגט משה אהרן'ען אין דער פאַבריק, ווי אַזוי האָט ער געקענט נעמען דעם פּאָסטן פאַר זיך, און נישט געזאָגט פאַר דעם מענעדזשער, אַז איך האָב אַ 'דין קדימה', אַ פאָרצוג איבער איהם?** יעקב איז אָבער געווען אַ ירא שמים, און ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אמונה, אַז אַלעס איז באַשערט פון הימל. עס האָט איהם אָבער פון צייט צו צייט, אָנגעכאַפּט אַ געפיל פון צובראָכנקייט, **ספּעציעל ווען משה אהרן פלעגט איהם פון צייט צו צייט דערציילן ווי ער שפּאָרט יעדן חודש געלט, און לייגט אַוועק אַ שיינעם סכום פון זיין געהאַלט, כדי צו האָבן אויף חתונה צו מאַכן די קינדער**, ווען עס וועט קומען דער מזל'דיגער טאָג. יעקב האָט זיך ווידער געשטאַרקט מיט אמונה, אָבער זיין האַרץ האָט פאָרט 'געקאָכט' אין איהם, אַז מ'האָט איהם נישט אויסגעקליבן אַלס הויפּט מענעדזשער, נאָר משה אהרן'ען.

**צען יאָר שפּעטער**, האָט אַ שדכן אָנגעטראָגן פאַר יעקב'ן אַ שידוך פאַר זיין זון, אַ בחור אַ 'כליל המעלות', מיט די טאָכטער פון... משה אהרן, וועלכער האָט געזאָגט פאַר דעם שדכן, אַז ער איז גרייט צו קויפן פאַר דעם פּאָרפאָלק אַ דירה אין בני ברק, און דער שידוך איז טאַקע צושטאַנד געקומען אין אַ מזל'דיגע שעה...

דאַן האָט יעקב געזאָגט: שוין צען יאָר וואָס איך דריי זיך אַרום מיט געפילן פון קנאה אויף מיין חבר משה אהרן, וועלכער פאַרדינט שיין געלט און שפּאָרט געלט צו קענען קויפן שיינע דירות פאַר זיינע קינדער, אָבער איך

האָב זיך געשטאַרקט מיט אמונה אין באַשעפער. דער אויבערשטער זאָגט אָבער: וואָס האָסטו מקנא צו זיין משה אהרן'ען?... זיין גאַנצער געהאַלט מיט וועלכן דו ביזט איהם אַזוי מקנא, פאַרדינט ער דאָך נאָר כדי אַז ווען די צייט וועט קומען, **זאָלסטו** אויך געניסן דערפון... ממילא, האָסטו זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן אַז ער שפּאָרט דאָס געלט, אנשטאט דיר...

אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגערעדט פון האַרצן פאַר דעם 'חפץ חיים' זי"ע, איבער זיין ביטערן גורל. ער איז אַ גרויסער בעל חוב, און די בעלי חובות לויפן איהם נאָך טאָג און נאַכט. ער איז נישט זוכה אַפילו צו אַ מינוט מנוחה.

האָט דער 'חפץ חיים' איהם דערציילט אַ מעשה מיט צוויי רייכע אידן. איינער האָט פאַרמאָגט פופציג טויזנט רובל, און דער צווייטער - צען טויזנט רובל. אין אַ געוויסן טאָג, זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן אויף די באַשולדיגונג אַז זיי האָבן אַריינגעשמוגלט סחורה אויף אַן אומלעגאַלן אופן. נאָכ'ן אָפּזיצן אין טורמע אַ האַלבע יאָר וואָס דערווייל האָבן זיי דאָך נישט געהאַנדלט, איז די ווערד פון זייער פאַרמעגן פילפאַכיג געפאַלן: דער ערשטער, וואָס האָט פריער פאַרמאָגט 50 טויזנט רובל, איז יעצט געווען ווערד נישט מער ווי 20 טויזנט רובל, און דער צווייטער, וואָס איז פריער געשאַצט געוואָרן אויף 20 טויזנט, איז איצט ווערד געווען נישט מער ווי טויזנט רובל.

ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון זייער משפט, האָט דער ערשטער געדינגען אַן אַדוואָקאַט פאַר אַ גרויסן סכום געלט, לייגנדיג זיין גאַנצע האָפענונג אויף איהם אַז מיט אַזאַ גוטן אַדוואָקאַט, וועט ער אַרויס פריי אין געריכט. דער צווייטער, וועלכער איז געבליבן נאָר מיט טויזנט רובל, האָט נישט געהאַט גענוג געלט צו דינגען אַן אַדוואָקאַט. האָט ער אָן אַ ברירה, זיך געוואָנדן צו זיינעם אַ קרוב, וועלכער איז אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען דער יוסטיץ מיניסטער אין לאַנד, און זיך איינגעבעטן ביי איהם ער זאָל איינשטימען צו דינען אַלס זיין 'מליץ יושר' אין טאָג פון זיין משפט. דער קרוב האָט מסכים געווען איהם צו פאַרטרעטן אין געריכט.

אַמאָל האָבן די צוויי אידן זיך צעשמועסט אין זייער טורמע צעל, און דער וואָס איז געבליבן מיט נאָר טויזנט רובל, האָט פרובירט ערקלערן פאַר זיין חבר ווי ער איז איהם מקנא אַז עס איז איהם נאָך געבליבן געלט צו דינגען אַ גוטן אַדוואָקאַט איהם צו פאַרטרעטן אין געריכט, אָבער ער איז דאָך געבליבן אָן געלט, האָט ער זיך געמוזט ווענדן צו זיין קרוב ער זאָל איהם פאַרטרעטן אומזיסט אין געריכט, און ווער ווייסט וואָס דער סוף וועט זיין...

האָט דער ערשטער אָפּגעלאַכט פון איהם, און איהם געזאָגט: נאַרישער מענטש, דו האָסט דאָך גענומען דעם גרעסטן 'אַדוואָקאַט', ווייל ער איז דאָך אַליין אַ געוועזענער געזעץ-מיניסטער, און ער איז גוט 'אויסגעקאָכט' אינעם געזעץ און אַלע זיינע פּרטים און 'דקדוקים'. ער וועט דיר זיכער קענען העלפן און דיך אַרויסנעמען פון דיין קלעם, און דאָס אַלעס, אומזיסט, אָן דעם וואָס עס זאָל דיך קאָסטן אַפילו אַ פרוטה... איך וואָלט דאָך אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס איז מיר געבליבן, פאַר אַזאַ 'אַדוואָקאַט'...

און דער 'חפץ חיים' האָט אויסגעפירט די המעשה צו דעם איד, זאָגנדיג:

- ס'זענען דאָ אידן, וואָס ווען זיי וועלן אַרויפקומען אין הימל נאָך 120 יאָר, וועלן זיי טענה'ן, מיין גאַנץ לעבן איז מיין מח געווען אַריינגעטוהן אין די הייליגע ווערטער פונעם רמב"ם ז"ל, איך בין שטענדיג געווען פאַרנומען מיט לערנען די הלכות און דינים וואָס דער רמב"ם שרייבט אין זיין חיבור 'משנה תורה', ממילא, וויל איך אַז דער רמב"ם בכבודו ובעצמו זאָל זיין מיין 'אַדוואָקאַט' ביי דעם שווערן משפט ביים בית דין של מעלה. נו, אפי' אויב מ'וועט עס איהם שוין נאָכגעבן אַז דער רמב"ם זאָל זיין פאַר איהם אַ 'מליץ יושר', איז ער נאָך נישט פאַרזיכערט אַז ער וועט אַרויסגיין געראַכטפערטיגט ביים גרויסן משפט, ווייל ס'איז דאָך מעגליך אַז דאָרט וועט קומען דער ראב"ד ז"ל און - ווי זיין שטייגער אין 'משנה תורה להרמב"ם' - וועט ער פרובירן אָפּוואַרפן און אָפּפרעגן דעם 'לימוד זכות' פונעם רמב"ם... און אַפילו אויב דער מענטש וואָס שטייט ביים בית דין של מעלה, וועט זאָגן, אַז אַ געוויסער 'אמורא' פון די חז"ל, וועט זיין פאַר איהם אַ מליץ יושר, ווייל ער האָט אַלע זיינע יאָרן אויף דער וועלט געלערנט די ווערטער פון יענעם הייליגן אמורא, קען דאָך נאָך אַלץ קומען אַ 'תנא' און אָפּוואַרפן זיינע ווערטער, וואָס מיט די שיטה פון אַ 'תנא', קען דאָך אַן 'אמורא' זיך נישט קריגן... די ווערטער פון אַן 'אמורא' ווערן בטל פאַר דער מיינונג פונעם 'תנא'.

- און אַז דער איד וועט שוין זוכה זיין צו זיין אויף אַזאַ הויכע מדריגה, אַז איינער פון די הייליגע נביאים וועט וועלן ממליץ-טוב זיין פאַר איהם, איז נאָך אַלץ נישט קיין ראיה אַז ער וועט אַרויסגיין 'זכאי' ביים בית דין של

**עס** שטייט אין ספה"ק 'תניא' (אגרת הקודש, כה) אויף די ווערטער פון חז"ל, אַז דער מענטש וואָס בייזערט זיך איז גליַיך אַזוי ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה. דער טעם דערפון איז, ווייל ווען ער איז אין כעס, טוט זיך אָפּ פון איהם די אמונה, ווייל אויב ער וואָלט געגלייבט אַז אַלעם איז פון דעם אויבערשטען, וואָלט ער זיך דאָך נישט געבייזערט. און כאָטש דער צווייטער מענטש, וואָס ער איז אַ 'בעל בחירה', שלאָגט איהם, אָדער ער שעלט איהם, און ער מאַכט איהם אַ געלט שאָדן (און יענער וועט דאָך סיי ווי מחויב ווערן בדיני אדם אָדער בדיני שמים פאַר זיינע שלעכטע מעשים), פונדעסטוועגן, איז דאָך שוין נגזר געוואָרן אין הימל אויף איהם, און מיר ווייסן אַז 'הרבה שלוחים למקום'. דער אויבערשטער האָט אַסאַך שלוחים. און נישט נאָר דאָס, נאָר אויך בשעת מעשה, ווען ער שלאָגט איהם אָדער ער שעלט איהם, טוט זיך אָנקליידן אין איהם דער כח פון דעם אויבערשטען וואָס הייסט איהם וואָס צו טוהן, אַזוי ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט (ש"ב טז, י) ווען שמעי בן גרא האָט איהם געשאָלטן, 'כי ה' אמר לו קלל'. דער אויבערשטער האָט איהם געהייסן שעלטן. מיר געפינען אָבער נישט אין ערגעץ אַז דער אויבערשטער האָט באמת אַזוי געזאָגט צו שמעי, אַז ער זאָל שעלטן דוד המלך ע"ה (ווייל מיר געפינען נישט אין ערגעץ אַז שמעי איז געווען איינער פון די נביאים). נאָר וואָס דען, די מחשבה וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין מח פון שמעי בן גרא צו שעלטן, איז געווען פון דעם אויבערשטען. דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אַ חיות אין שמעי, ווען ער האָט געשאָלטן דוד, ווייל אויב דער גייסט פון דעם באַשעפער וואָלט זיך אָפּגעטוהן פון שמעי אַפילו אויף איין רגע, וואָלט ער גאָרנישט געקענט רעדן. צוליב דעם ווערט עס גערעכנט גליַיך ווי דער אויבערשטער האָט איהם באַפוילן צו שעלטן איהם. 'ה' אמר לו קלל'.

**אויב** דער מענטש וועט זיך אַזוי פירן - ער וועט נישט זוכן די 'שולד' ביי אַנדערע מענטשן, און ער וועט אויך נישט טראַכטן אַז ער אַליין האָט זיך גורם געווען דעם שאָדן, איז ער פאַרזיכערט אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן, און איהם אַרויסנעמען פון זיין קלעם,

---

מעלה, ווייל ס'איז דאָך נאָך אַלץ מעגליך אַז דער גרויסער באַשעפער כביכול בכבודו ובעצמו, וועט אָפּוועגדן זיינע ווערטער, אַזוי ווי מיר געפינען ביי שמואל הנביא, אַז ער האָט געוואָלט זאַלבן אליאב דעם זון פון ישי אַלס קעניג ביי אידן, איז געקומען דער אויבערשטער און ער האָט איהם געזאָגט (שמואל א' טז, ז) 'אל תבט אל מראהו'.

- אָבער דו - האָט דער 'חפץ חיים' זצ"ל אויסגעפירט זיינע ווערטער צו דעם אָרימען איד - וואָס **דו ביזט ליידער אַזוי 'איבערגעפילט' מיט ווייטאָגן און יסורים ל"ע, וועט דאָך דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו זיין דיין 'אַדוואָקאַט'**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קט, לא) 'כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו', און **דו וועסט אוודאי אַרויסקומען גערעכט ביים משפט. ממילא, דאַרפסטו זיין בשמחה...**

אויך דערציילט מען, אַז ווען די רעביצין פונעם 'חפץ חיים' זי"ע איז אַוועק פון דער וועלט האָט מען אַריינגעקלערט וואו איר צו ברענגען צו קבר ישראל, אין די 'חלקה' פון די 'צדיקים', אָדער אין די 'חלקה' פון 'רבנים'. האָט דער 'חפץ חיים' זי"ע געזאָגט מ'זאָל איר לייגן אין דער 'חלקה' פון די **אָרימעלייט**, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך נישט 'כי יעמוד לימין **צדיק**', אָדער 'כי יעמוד לימין **גאון**', נאָר 'כי יעמוד לימין **אביון**'... **דער אויבערשטער שטייט צו דער האַנט פאַר די אָרימעלייט**, און דאָרט וועט זי האָבן אַ 'מנוחה נכונה', נעבן **די אידן וואָס זענען נאָנט צום באַשעפער...**

פאַר אַ בחור פון דער ישיבה פונעם 'חפץ חיים' זי"ע אין ראַדין, האָט מען אָנגעטראָגן אַ שידוך פון אַ שטעטל אין דער אומגעגנט פון ראַדין. איז דער בחור אַהין געפאָרן צום דעם שטעטל, און ווען ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט, איז ער אַריינגעגאַנגען צום הייליגן 'חפץ חיים', כדי זיך אַדורכצורעדן מיט איהם וועגן דעם שידוך. מיט אַ קרעכץ האָט ער דערציילט וועגן די שרעקליכע אָרימקייט וואָס הערשט אין הויז פון דעם אבי הכלה, אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אַפילו נישט קיין געהעריגע פאָדלאָגע (Floor), און די ערד פון זייער הויז איז פול מיט זאַמד און שטיינער, און ס'איז אַפילו נישט דאָ אַ בענקל זיך אַראָפּצוזעצן דאָרט. האָט דער 'חפץ חיים' געזאָגט צו דעם בחור:

- איין מעלה, האָסטו מיר שוין אויסגערעכנט וועגן די משפחה... אפשר קענסטו מיר זאָגן נאָך עפּעס אַ מעלה האָסטו נאָך געזעהן ביי זיי?...

ווייל דער 'חפץ חיים' האָט פאַרשטאַנען **די גרויסע מעלה פון יענעם אָרימאַן וואָס פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם אויבערשטען...**

ווי די ספרים טייטשן (געבויט אויף די ווערטער פון רבינו אברהם בן הרמב"ם ז"ל), דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, יג) 'ואשר לא צדה והאלוקים אנה לידו, ושמתי לך מקום אשר ינוס שמה'. 'ואשר לא צדה' - ער זוכט נישט אַ 'צד' און אַ סיבה אָנצוהענגען אויף דעם די פאַסירונג, נאָר ער גלייבט מיט'ן גאַנצן האַרץ, 'והאלוקים אנה לידו' - דער אויבערשטער האָט עס איהם צוגעשיקט. דאַן זאָגט דער אויבערשטער: אויב ער הענגט אָן זיין אמונה אין מיר, 'ושמתי לך מקום אשר ינוס שמה', איך וועל דיר 'ערלעדיגן' אַן אָרט וואו אַוועקצולויפן פון אַלע פראָבלעמען, און 'הכל יבוא על מקומו בשלום'[ב].

**ועשית הישר והטוב - אַ איד דערקענט זיך דווקא ווען ער איז גערעכט**

**אַ** סאַך 'דיני ממונות', זענען געבויט אויף די פסוקים וואָס שטייען אין דער היינטיגער פרשה, משפטים. דער אָנהייב פון די הנהגה פון אַ איד איז, אַז ער זאָל האַנדלען ערליך מיט אַנדערע מענטשן, מיט צדק און יושר[ג].

**דער** ראַ"ש שרייבט (ברכות פ"א, סי"ג) אַ טעם פאַרוואָס איינער וואָס גייט האַנדלען נאָך דעם ווי ער האָט שוין געלערנט יענעם טאָג, און נאָך דעם ווי ער ענדיגט האַנדלען, קומט ער צוריק לערנען, זאָגט ער נישט נאָך אַמאָל 'ברכות התורה', איידער ער הייבט אָן לערנען דאָס צווייטע מאָל אינעם טאָג. לכאורה, מיט וואָס עס איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע מצוות, וואָס אויב מ'האָט מפסיק געווען אינמיטן די מצוה מיט אַן אַנדערע זאַך, מאַכט מען נאָך אַמאָל אַ ברכה?

**זאָגט** דער ראַ"ש, אַז ווייבאַלד ווען דער מענטש אַרבעט אָדער האַנדעלט, האָט ער אין זינען צוריקצוגיין לערנען ווען ער וועט ענדיגן אַרבעטן, ווערט עס נישט גערעכנט אַלס אַ 'הפסק', און ער דאַרף נישט מאַכן נאָך אַמאָל אַ ברכה.

**נאָך** אַ תירוץ קען מען זאָגן [געבויט אויף די ווערטער פונעם 'אגור' (הלכות תפילה, אות א')], ווייבאַלד ווען דער מענטש האַנדלט ערליך און היט אָפּ די הלכות פון משא ומתן און 'בין אדם לחבירו', נישט צו באַ'עוול'ען ח"ו אַ צווייטן, ווערט עס גערעכנט פאַר איהם גלייך ווי ער לערנט נאָך, און ממילא, דאַרף ער נישט מאַכן אַ ברכה ווען ער קערט זיך צוריק צום לערנען, ווייל ער האָט דאָך אינגאַנצן נישט געמאַכט אַ 'הפסק', נאָר

---

**ב.** אַזוי שרייבט דער 'אזור אליהו', אויף דעם פסוק אָנהייב היינטיגע פרשה (כא, ג) 'אם בגפו יבוא בגפו יצא'. **די תורה גיט אונז אַן עצה, ווי אַזוי דער מענטש קען אַרויסגיין פון אַלע זיינע שעבודים** (קנעכט-שאַפט) **פון עולם הזה. דער מענטש דאַרף גלייבן מיט אמונה שלימה, אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, וועלכער איז בכח אַרויסצונעמען דעם מענטש פון זיין קלעם, און דורך די דאָזיגע אמונה, וועט ער אַוודאי פטור ווערן פון זיין צרה.**

דאָס איז מרומז אין די ווערטער, 'אם בגפו יבוא בגפו יצא'. די צאָל פון וואָרט 'בגפו', איז 91, אַזוי ווי 'אמן', וואָס ווייזט אַז דער איד גלייבט אין דעם אויבערשטען. **'אם בגפו יבוא'** - אויב ער טוט איינוואָרצלען אין זיך די אמונה אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. **'בגפו יצא'** - וועט ער אין זכות פון זיין אמונה, אַרויסגיין פריי אין אַלע ענינים.

**ג.** דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל פלעגט זאָגן, אַז **ס'איז נישט דאָ אַ העכערע מדריגה ווי די מדריגה פון איינעם וואָס האַנדלט ערליך.**

אַמאָל האָט איינע פון זיינע תלמידים איהם געפרעגט, אויב אַזוי, צי דען האַלט דער רבי אַז איינער וואָס האַנדלט ערליך און פירט זיך אין 'דיני ממונות' על פי תורה, איז חשוב'ער ווי איינער וואָס האַנדלט אינגאַנצן נישט און זיצט אייביג און לערנט? האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געענטפערט:

- ס'איז קלאָר אַז איינער וואָס האַנדלט באמונה און מיט יושר, שטייט אויף גאָר אַ הויכע מדריגה, אָבער אויב ער שטייט שוין יאָ אויף אַזאַ הויכע מדריגה, פאַרוואָס זאָל ער נישט זיצן און לערנען?!...

ווען רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל איז נסתלק געוואָרן (כ"ה שבט), האָבן זיינע תלמידים אויסגערעכנט אַז זיין יאָרצייט פאַלט אויס יעדעס יאָר אין פרשת משפטים [היי יאָר, ווען כ"ה שבט איז זונטאָג פרשת תרומה, איז ממש אַ זעלטענע ערשיינונג]. דאָס איז אַזוי צוגעפירט געוואָרן פון הימל, אין דער בחינה פון 'קיים זה מה שכתוב בזה', ווייל דער צדיק רבי ישראל סאַלאַנטער האָט דאָך אַסאַך געטוהן אין די ענינים פון 'פרשת משפטים', צו זיין געהיטן אין געלט-זאַכן און בכלל, צו האָבן גוטע מידות.

ער האָט 'געלערנט' תורה די גאַנצע צייט ווען ער האָט געהאַנדלט אָדער געאַרבעט, ווייל ער האָט זיך דאָך געפירט לויט די הלכות און דינים פון דער תורה.

**לויט** דעם, טייטשן די ספרים די ווערטער פון חז"ל (נדרים פא.) אויפ'ן פסוק (ירמיה ט, י) 'ויאמר ה' על עזבם את תורתי ולא שמעו בקולי ולא הלכו בה'. פרעגט די גמרא, דער באַדייט פון די ווערטער 'לא שמעו בקולי', איז דאָך דער זעלבער ווי 'לא הלכו בה'. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער נביא אַ דאָפּלטן לשון? ענטפערט די גמרא, רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אַז דאָס מיינט 'שלא ברכו בתורה תחילה'. זיי האָבן נישט געמאַכט אַ ברכה פריער אויף די תורה.

**קען** מען זאָגן אַ כוונה אין די גמרא, אַז די כוונה איז נישט אַז זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלאָזט די תורה און אויפגעהערט עס צו לערנען, נאָר בשעת זיי האָבן געהאַנדלט מיט אַנדערע מענטשן, 'לא שמעו בקולי' - זענען זיי נישט געגאַנגען אין די וועגן פון די תורה. זיי האָבן נישט געהאַנדלט ערליך, און ממילא זענען זייערע האַנדלונגען אין די געשעפטן גערעכנט געוואָרן גלייך ווי זיי וואָלטן 'מפסיק געווען' אינמיטן לערנען. קומט אויס, אַז ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען לערנען (נאָכ'ן האַנדלען), האָבן זיי געדאַרפט זאָגן נאָך אַמאָל 'ברכות התורה', און זיי האָבן עס נישט געטוהן. דאָס איז די כוונה פון די ווערטער, 'שלא ברכו בתורה תחילה', ווייל זיי זענען געווען מחויב צו זאָגן נאָך אַמאָל 'ברכות התורה'...

**צווישן** די זאַכן וואָס די תורה זאָגט אונז אָן אין דער היינטיגער סדרה אין 'בין אדם לחבירו', איז דער לאו נישט צו גורם זיין אַ צער פאַר אַ צווייטן איד, ווי מיר לייענען (כב, כא) 'כל אלמנה ויתום לא תענון'. זאָגט רש"י, 'הוא הדין לכל אדם - קיין שום מענטש טאָר מען נישט ווי טוהן און פייניגן, אלא שדיבר הכתוב בהווה, לפי שהם תשושי כח ומצוי לענותם' - נאָר דער פסוק רעדט פון 'אלמנה ויתום' ווייל עס מאַכט זיך אָפטער אַז מ'זאָל זיי מצער זיין, ווייל זיי זענען שוואַך, און מ'איז זיי גורם אַ וויטאָג[ד].

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'אבן עזרא'. ער פרעגט אויפ'ן פסוק ווייטער (פסוקים כב-כג) 'אם ענה תענה אותו, כי אם צעוק יצעק אלי שמוע אשמע צעקתו, וחרה אפי והרגתי אתכם בחרב והיו נשיכם אלמנות ובניכם יתומים'. איז שווער, דער פסוק הייבט אָן מיט אַ לשון יחיד, 'אם ענה תענה', און ער ענדיגט מיט אַ קללה אויפ'ן רבים: 'אתכם'.

**נאָר**, זאָגט דער 'אבן עזרא', אַז אויך דער צווייטער מענטש וואָס ער זעהט ווי איינער פייניגט אַ יתום אָדער אַן אלמנה און ער העלפט זיי נישט אַרויס, ווערט ער אויך גערעכנט אין כלל פון איינער וואָס 'פייניגט' יענעם... אויב אַ צווייטער פייניגט און קיינער העלפט זיי נישט איז דער עונש אויף אַלע' ח"ו, ווייל איינער וואָס קען מוחה זיין קעגן דעם וואָס איז גורם דעם צער און ער האָט נישט מוחה געווען, אָדער ער האָט זיי געקענט העלפן און ער האָט עס נישט געטוהן, ווערט ער אויך אַריינגעכאַפּט אין דעם ביטערן עונש גלייך ווי ער וואָלט זיי אַליין געפייניגט, ווייל דער אויבערשטער האָט גאָר שטאַרק מקפיד געווען אויף דעם צער פון אַן אלמנה און יתומים[ה].

**ד.** אגב, פון דעם לערנען מיר, אַז מ'קען עובר זיין אויף דעם לאו פון 'כל אלמנה ויתום לא תענון', אַפילו ווען דער וועמען מ'האָט ווייגעטוהן, איז ב"ה נישט אַ יתום, נאָר ער האָט געזונטע עלטערן צו לאַנגע יאָרן... אויב יענער איז אַ פאַרוויטאָגטער מענטש, איינע פון די וואָס רש"י באַצייכנט אַלס 'תשושי כח' (ענליך צו אַ יתום און אלמנה) און ער איז 'מצוי לענותו'... טאָר מען איהם אויך נישט טשעפּען און ווייטוהן, און **מ'קען דאָך קיינמאָל נישט וויסן וואָס עס קומט פאָר אין האַרץ פון יענעם מענטש, און וואָס זיין מצב איז.** ממילא, האָט מען אייביג אַ 'ספיקא דאורייתא', צי מ'מעג יענעם ווייטוהן, און מ'דאַרף גיין 'לחומרא', אין צוגאָב צו דעם עצם איסור...

**ה.** דער 'חפץ חיים' זצ"ל האָט דערציילט אַ מעשה נורא וואָס האָט פּאַסירט אין זיין געגנט. עס האָט דאָרט געוואוינט אַן אלמנה מיט אירע יונגע יתומים'לעך אין די דירה פון אַ רייכן איד. צוליב איר גרויסע אָרימקייט, האָט זי נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן דעם 'רענט' פאַר די דירה. עס זענען אַריבערגעגאַנגען עטליכע חדשים, און דער בעה"ב פון די דירה האָט אָנגעהויבן דריקן אויף איר אַז זי זאָלן באַצאָלן דעם חוב. זי האָט זיך באַמיט צוזאַמענצושטעלן דאָס געלט, אָבער מיט אַלע אירע אָנשטרענגונגען, איז עס איר ליידער נישט געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַפילו אַ פּרוטה. האָט דער בעה"ב איר געסטראַשעט, אַז ער וועט איר מוזן פאַרטרייבן פון די דירה אויב זי וועט נישט באַצאָלן

דעם שכר דירה, און אַלע אירע תחנונים אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר און אויף אירע קינדער די יתומים האָבן נישט געהאָלפן. אין אַ העלן טאָג, האָט דער עושר אַראָפּגענומען דעם דאַך פון די דירה, און צוליב די גרויסע פרעסטן איז די אלמנה געווען געצוואונגען זיך אַרויסצוציען פון די דירה, און אַריבערגיין אין אַן אַנדער אָרט.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך גע'רעש'ט מיט דעם שרעקליכן רשעות וואָס דער אייגנטימער פונעם הויז האָט געטוהן קעגן די אלמנה און יתומים, אָבער דער בעה"ב האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי זיינעם...

און דער 'חפץ חיים' האָט ווייטער דערציילט: איך האָב געהאַלטן די זאַך ביי מיר אין האַרץ, און כ'בין געווען זיכער, אַז פאַר אַזאַ 'אכזריות', וועט דער עושר זיך נישט קענען אַרויסדרייען פון באַקומען זיין שטראָף אויף דער וועלט, ווייל די תורה זאָגט קלאָר 'וחרה אפי'. עס זענען אַדורכגעגאַנגען יאָרן און עס האָט גאָרנישט פּאַסירט, אָבער איך האָב עס נאָך אַלץ געהאַלטן ביי זיך אין האַרץ. עס זענען אַריבער **צען יאָר**, און ס'איז אַרויס אַ קול אין שטאָט, אַז אַ קראַנקער הונט ('כלב שוטה') האָט איהם געביסן, און ער האָט אָנגעהויבן בילן ווי אַ הונט, און ביז אַ קורצע צייט איז ער געשטאָרבן. (ספר 'אהבת חסד', עמוד החסד, בשם זיין איידעם הג"ר מענדל זאַקס ז"ל, וואָס ער האָט עס געהערט פון זיין גרויסן שווער)

פון די מעשה לערנען מיר, אַז **אפילו אויב דער מענטש איז גערעכט על פי דין, דאַרף ער אויך זעהן צו זיין 'גערעכט' מיט זיינע מעשים**, אַז זיינע מעשים זאָלן זיין אָנגענומען אין הימל, ווייל על פי דין תורה, איז דאָך די אלמנה געווען מחויב צו באַצאָלן דעם שכר דירה, אָבער **נישט דאָס איז דער וועג פון די תורה...** 'והמבין יבין', אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר כלפי איינעם וואָס איז 'גערעכט' אויך קעגן אַן אלמנה, נאָר **אויך וועגן איינעם וואָס איז 'גערעכט' מיט זיינע טענות קעגן זיין חבר וואָס האָט איהם געמאַכט אַ שאָדן אָדער געטשעפּעט מיט איהם...**

נאָך אַ מעשה האָט דער 'חפץ חיים' זצ"ל דערציילט, ווי באַקאַנט, האָט די רוסישע מלכות הרשעה ימ"ש אַרויסגעגעבן אַ שרעקליכע גזירה צו כאַפּן יונגע אידישע בחורים און זיי מאָביליזירן אין דער אַרמיי ל"ע. אין דער שטאָט פונעם 'חפץ חיים', אין ראַדין, האָט געוואוינט אַ 'קצב', וועלכער איז געווען אַ 'גבר אלים', און האָט געכאַפּט אַ ישיבה-בחור און איהם צוגעשטעלט צו די אַרמיי אנשטאט זיין זון, און דער 'חפץ חיים' האָט זיך געוואונדערט אַ לענגערע צייט, אַז מ'האָט זיך נאָך נישט 'אָפּגערעכנט' פון הימל מיט דעם קצב, פאַר זיין נידערטרעכטיגן רשעות.

**דרייסיג יאָר שפּעטער**, איז דער דערמאנטער זון פונעם קצב (וועלכער האָט זיך דעמאָלס אַרויסגעדרייט פון אַרמיי דינסט) קראַנק געוואָרן מיט אַ ביטערע מחלה רח"ל און איז געשטאָרבן ביז אַ קורצע צייט מיט אַ מיתה משונה ל"ע. די 'חברה קדישא' האָט זיך נישט געוואָלט אָפּגעבן מיט זיין קבורה כדי נישט אָנגעשטעקט צו ווערן פון די שרעקליכע מחלה ח"ו, און דער אַלטער 'קצב' איז געווען געצוואונגען אַליין צו ברענגען צו קבורה זיין פאַרשטאָרבענעם זון, מיט זיינע אייגענע צען פינגער, ה' ישמרנו. ('חפץ חיים' עה"ת, פרשתינו, הערות 'מעשי למלך', אות ג', אין נאָמען פון זיין זון, הגאון רבי אריה לייב קאַגאַן ז"ל)

דער ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, הגאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער פלעגט יונגערהייט אָפט מאָל אַהיים באַגלייטן זיין פעטער און רבי, דעם גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, סלוצקער רב און ראש ישיבה פון דער ישיבה 'עץ חיים' אין ירושלים, נאָכ'ן שיעור וואָס רבי איסר זלמן האָט פאָרגעלערנט אין ישיבה. איין טאָג, האָט הרב שך געזעהן ווי רבי איסר זלמן גייט אַרויף אויף די שטיגן פונעם הויז, און ער קומט באַלד צוריק אַראָפּ, און ער וואַרט אַ צייט, דאַן גייט ער צוריק אַרויף, און קומט ווידער אַראָפּ... האָט ער זיך געוואונדערט דערויף, און געפרעגט דעם פעטער פאַרוואָס ער באַמיט זיך אַזוי, אַרויפצוגיין און צוריק אַראָפּצוקומען איינמאָל און נאָך אַמאָל, און גייט נישט אַריין אין הויז. האָט רבי איסר זלמן איהם געזאָגט:

- ביי מיר אין הויז אַרבעט יעצט אַן אלמנה מיט די הויז-אַרבעט, ווי רייניגן א.א.וו. און יעצט, ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען מיט די שטיגן, האָב איך געהערט אַז זי זינגט זיך אונטער אַ לידל, און אויב איך וועל יעצט אַריינקומען אין הויז, וועט זי דאָך מוזן אויפהערן זינגען... און דאָס קען איר גורם זיין אַביסל צער. דעריבער וואַרט איך אינדרויסן פון הויז, ביז זי וועט ענדיגן אַרבעטן און זינגען...

ווילן מיר צוגעבן, ס'איז דאָך פשוט אַז דאָ איז אַפילו נישט געווען אַ ווייטער חשש פון 'אלמנה לא תענון', ווייל זי האָט דאָך געאַרבעט פאַר איהם (און ווער זאָגט אַז זי דאַרף זינגען, ווען רבי איסר זלמן וויל שוין אַריינגיין אין הויז...), נאָר די אמת'דיגע גדולי ישראל האָבן נישט געזוכט נאָר **יוצא צו זיין** דעם חיוב וואָס די תורה האָט אאונז באַפוילן, נאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען אַריינצוגיין אין די געפילן פון אַ צווייטן, און אַוודאי און אַוודאי נישט גורם צו זיין פאַר זיי דעם מינדעסטן צער ח"ו, אויפ'ן ווייטסטן אופן.

## מן הבאר

דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, איז אַ צייט פאַר זיין הסתלקות געווען אָפּגעשוואַכט און צוליב דעם האָט מען כמעט נישט געהערט זיין קול ביי די דברי תורה וואָס ער האָט געזאָגט ביים טיש. נאָר די וואָס זענען געזעסן אָדער געשטאַנען גאָר נאָנט נעבן בעלזער רב, האָבן געקענט הערן זיינע הייליגע ווערטער. איין יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַט חשק צו הערן די 'דברי אלקים חיים' פון בעלזער רב, איז געקומען צוויי שעה פריער צום טיש, און האָט זיך באַהאַלטן אונטער די בענקל פונעם בעלזער רב, כדי צו קענען הערן וואָס דער רב וועט זאָגן. אָבער אַ פּאָר מינוט איידער דער בעלזער רב איז אַריינגעקומען צום טיש, האָבן די משמשים באַמערקט דעם יונגערמאַן ווי ער שטופּט זיך אַרונטער אונטער די בענקל, און זיי האָבן איהם אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פון דאָרט, ווענדיג איהם אַוועקשטופּן פון דאָרט. דער יונגערמאַן האָט זיך אָבער נישט געלאָזט, און ס'איז אַנטשטאַנען אַ געשלעג צווישן די משמשים און דעם יונגערמאַן, און דער יונגערמאַן האָט געביסן אַ פינגער פון איין גבאי. דער גבאי האָט זיך צעשריגן פון ווייטאָג, און אינצווישן איז דער בעלזער רב אַריינגעקומען צום טיש.

ווען דער בעלזער רב האָט געהערט דעם טומל, האָט ער געפרעגט וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען. דאַן האָט ער געזאָגט מ'זאָל צורופן דעם יונגערמאַן, און ער האָט איהם געזאָגט:

- באמת, ביזטו טאַקע גערעכט... אָבער **איך האָב בקבלה פון מיינע הייליגע אבות, אַז אַ איד דערקענט זיך דווקא ווען ער איז גערעכט...** דאָס הייסט, דעמאָלס קען מען זעהן וואָס זיין מהות איז. אויב ער איז גרייט מוותר צו זיין, כאָטש ער איז גערעכט, אָדער ער טוט אַזעלכע 'מעשים אשר לא ייעשו', ווי בייסן דעם פינגער פון אַ צווייטן...

אין אַזעלכע פאַלן, פלעגט דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל זאָגן, אַז אַ איד דאַרף זיך באַמיען צו בלייבן גערעכט אויך שפּעטער...

און 'מידה טובה מרובה', ווי חשוב איז עס ביים אויבערשטען ווען 'איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק', און דורך דעם טוט דער מענטש וואַקסן און שטייגן אין זיינע מדריגות.

דער מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט וועגן צוויי אידן אַז זיי האָבן 'גילוי אליהו', און ער האָט עס ערקלערט, ווייל זיי פירן זיך צו רייניגן דעם 'בית הכסא' וואו דער עולם חסידים גייען יעדן טאָג, און **גאָר גרויס איז דער זכות פון איינעם וואָס האָט מסירות נפש פאַר אַנדערע אידן, אַז ער איז זוכה צו 'גילוי אליהו'.**

אויך האָט דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין גרויסן טאַטן, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, אַז אַמאָל פאַר ראש השנה האָט זיין טאַטע, דער מיטעלער רב הרה"ק מהר"י זי"ע, זיך גענויטיגט אין אַ סכום געלט פאַר צדקה, און צוויי יונגעלייט וואָס האָבן זיך דעמאָלס געפונען אין בעלזא (און זענען נישט געווען פאַרמעגליך) האָבן זיך משתדל געווען מיט אַלע כוחות צו שאַפן דאָס געלט, און עס געבררענגט צום בעלזער רב זי"ע. און הרה"ק מהר"א זי"ע האָט אויסגעפירט:

- מ'דאַרף נישט זיין אַ גרויסער 'מאמין' צו זעהן אַז דער זיידע, דער מיטעלער רב, איז געווען אינגאַנצן אויסגעטוהן פון די וועלט, פון דער נאַכט פון 'זכור ברית' ביז נאָך ראש השנה, ווייל מ'האָט עס אויך געזעהן מיט פליישיגע אויגן. פונדעסטוועגן, די צווייטע נאַכט ראש השנה ביים טיש, האָט דער זיידע צוגערופן די צוויי יונגעלייט און זיי געגעבן 'שיריים', אַ זאַך וואָס איז געווען אַ גרויסער וואונדער. און דער בעלזער רב מהר"א האָט עס ערקלערט, אַז וויבאַלד די צוויי יונגעלייט האָבן געהאָלפן אַנדערע וואָס האָבן געדאַרפט הילף, און זיי זענען אַרויס פון זייער גדר דערפאַר, וועגן דעם האָט דער זיידע זיי געדענקט ראש השנה ביינאַכט, ווען ער אַליין איז געווען העכער פון דער וועלט, און האָט דעמאָלס געדינט דעם אויבערשטען העכער פון די טבע. (ספר 'פניני החסידות', ראש השנה)

נאָך די ערשטע וועלט מלחמה, האָבן זיך פאַרזאַמלט עטליכע גדולי ישראל, כדי צו טראַכטן עצות ווי אַזוי צו העלפן פאַר די אידישע פּליטים וועלכע זענען ליידער געבליבן אָן שטובער, און אָן אַ פרוטה צום לעבן. האָט איינער פון די אָנוועזענדע רבנים זיך אָנגערופן, אַז מ'דאַרף זעהן צו זאָרגן פאַר די פּליטים זיי זאָלן האָבן 'תשמישי

**אויך** לייענען מיר אין דער פרשה וועגן דעם חיוב צו היטן דעם כבוד פון יעדן איד, נישט איהם צו פאַרשעמען, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך אָן פאַר דעם מלוה (פרשתינו כב, כד) אַז אויב דער לוה האָט נישט קיין געלט צו באַצאָלן זיין חוב, 'לא תהיה לו כנושה' - טאָרסטו איהם נישט מאָנען.

**זאָגט** רש"י, 'לא תתבענו בחזקה' - דו זאָלסט איהם נישט מאָנען אויף אַ שטאַרקן אופן. אויב דו ווייסט אַז ער האָט נישט צו באַצאָלן, זאָלסטו עס נישט מאַכן זאָל אויסזעהן ווי דו האָסט איהם געבאָרגט, אדרבה! זאלסט זיך פירן גלייך ווי דו האָסט איהם נישט געבאָרגט קיין געלט און דו זאָלסט איהם נישט פאַרשעמען. פון דאָ לערנט מען ארויס ווי ווייט מ'דאַרף היטן דעם כבוד פון יעדן מענטש, און מ'זאָל נישט זאָגן, אָה, יענער האָט זיך נישט ריכטיג געפירט מיט מיר, און ממילא מעג איך (און ס'איז אַפילו אַ מצוה) איהם צו פאַרשעמען, ווייל אויך אויב דער לוה האָט זיך נישט

---

קדושה', ווי תפילין א.ד.ג., כדי זיי זאָלן קענען מקיים זיין די מצוות בהידור. האָט דער גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל זיך אָנגערופן:

- מיין מיינונג איז אַנדערש. **די מצוה פון הנחת תפילין, קען מען דאָך יוצא זיין אויך דורך באָרגן פון אַ צווייטן איד. אָבער ברויט צו עסן, צו זעטיגן דעם אָנגעווייטאָגטן און הונגערן קערפּער, און אַ קלייד אָנצוטוהן, קען מען דאָך נישט באָרגן פון אַן אַנדערן... דאָס מוז זיין 'לכם'... און ממילא, דאַרף מען פריער זאָרגן פאַר די גשמיות'דיגע געברויכן פאַר אידן.**

דער באַקאַנטער בעלזער חסיד און עסקן נמרץ פאַר צרכי צדקה, החסיד המפואר רבי משה שוסטער זצ"ל, פלעגט נישט קויפן פאַר זיך די ד' מינים פאַר יום טוב סוכות, זאָגנדיג, די מצוה פון 'ארבעה מינים' קען איך יוצא זיין מיט'ן לולב און אתרוג פון אַן אַנדערן, דורך אַ 'מתנה על מנת להחזיר'. איך וועל ענדערש קויפן אַנדערע 'מינים' (וואָס מ'קען נישט יוצא זיין דורך אַנדערע), און דאָס זענען די פיר זאַכן: חלות, וויין, פיש, און פלייש, און איך וועל עס אויסטיילן פאַר אידישע נצרכים, זיי זאָלן האָבן שמחת יום טוב...

הרה"ק רבי משה לייב סאַסוב'ער זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם נוסח וואָס מיר זאָגן אין די 'ברכות השחר', וואו אַלע ברכות ווערן געזאָגט אין אַ לשון רבים, 'פוקח עורים', 'מלביש ערומים', א.א.וו. נאָר איין ברכה זאָגן מיר אין אַ לשון יחיד, 'שעשה **לי** כל צרכי'. פאַרוואָס זאָגן מיר נישט, 'שעשה **לנו** כל צרכינו'?

האָט הרה"ק רבי משה לייב געענטפערט, אַז דאָס קומט אונז לערנען, אַז נאָר ווען עס איז נוגע פאַר דעם מענטש אַליין, דאַרף ער זיך זעהן גלייך ווי דער באַשעפער האָט געטוהן פאַר איהם אַלע זיינע באַדערפענישן, אָבער **ווען עס קומט צו העלפן אַן אַנדערן, טאָר ער נישט זאָגן, דער אויבערשטער גיט דאָך איהם אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, וואָס דאַרף איך איהם העלפן... נאָר ער דאַרף העלפן זיין חבר מיט וואָס ער קען...** (ספר 'ליקוטי חידושי הרמ"ל, אות פז)

אויך האָט הרה"ק רבי משה לייב זי"ע געזאָגט אויפ'ן פסוק (משלי טז, ד) 'כל פעל ה' למענהו'. אַלעס וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, האָט דער אויבערשטער באַשאַפן פאַר זיין כבוד. אויב אַזוי איז שווער, פאַר וועלכן באַדאַרף האָט דער אויבערשטער באַשאַפן דעם ענין פון 'אַפּיקורסות' אויף דער וועלט? האָט הרה"ק רבי משה לייב געזאָגט, אַז **'אַפּיקורסות' דאַרף מען נוצן דעמאָלס ווען אַן אָרימאַן קומט בעטן אַ נדבה**, זאָל מען איהם נישט ענטפערן, אַז 'מסתמא איז אַזוי באַשערט פאַר דיר פון הימל'... **נאָר מ'זאָל דעמאָלס זיין אַן 'אפּיקורס'** (נישט צו גלייבן אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן), נאָר מ'זאָל איהם אַליין געבן אַ שיינע נדבה, און טראַכטן, **אויב איך וועל איהם נישט העלפן, וועט קיינער איהם נישט העלפן...** (געברענגט אין זיין נאָמען, אין די הגהות צום ספר 'יושר דברי אמת', סוף פרשת שמות)

הגה"צ רבי ירוחם לייבאָוויץ זצ"ל פון מיר, איז אַמאָל געפאָרן מיט'ן באַן, און אַרויפשטייגנדיג אויפ'ן באַן, האָט זיין פוס זיך אַריינגעכאַפּט אין די טיר, און דער שוך איז געבליבן שטעקן אינדרויסן פונעם באַן. האָט רבי ירוחם זיך שנעל געכאַפּט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און אַז ער קען שוין נישט אַראָפּגיין נעמען דעם אַנדערן שוך ווייל דער באַן האָט שוין אָנגעהויבן פאָרן, האָט ער **שנעל אויסגעטוהן דעם צווייטן שוך, און עס אַרויסגעוואָרפן דורכ'ן פענצטער...** דאַן האָט ער ערקלערט פאַר די אַרומיגע: 'דעם ערשטן שוך האָב איך דאָך שוין פאַרלוירן, און וואָס וועל איך טוהן מיט דעם איינציגן שוך וואָס איז מיר איבערגעבליבן... האָב איך אַרויסגעוואָרפן אויך דעם צווייטן שוך, כדי אַז **דער מענטש וואָס וועט טרעפן דעם ערשטן שוך, זאָל טרעפן אויך דעם צווייטן, און קענען געניסן פוןביידע שיך...**

געפירט מיט דיר לויט'ן דין, ווייל ער איז דאָך מחויב דיר צו באַצאָלן דעם חוב, און ער איז אין כלל פון 'לוה רשע ולא ישלם', פונדעסטוועגן, איז זיין בלוט נישט הפקר אַז דו זאָלסט איהם מעגן פאַרשעמען. ממילא, איז נישט דאָ קיין איד וואָס מ'מעג פאַרגיסן זיין בלוט.

**דער** ווילנער גאון זי"ע איז מוסיף (געברענגט אין ספר 'ליקוטי בתר ליקוטי', שנת תש"ב) אויפ'ן פסוק (כב, כב) 'אם ענה תענה אותו', אַפילו אויב דו וועסט עס טוהן 'לשם שמים', כדי יענער זאָל שרייען צו מיר ('צעוק יצעק אלי'), וועט עס אויך גערעכנט ווערן פאַר אַן עבירה און איך וועל הערן זיין געשריי דיך צו באַשטראָפן, און אַ ראיה דערצו איז פון פנינה (שמואל א' א, ו) וואָס האָט מצער געווען איר שוועגערין חנה אויף דעם וואָס זי האָט נישט זוכה געווען צו קינדער, און זי האָט אין זינען געהאַט לשם שמים (ב"ב טז.), און זי האָט איר דערצערנט כדי מעורר צו זיין חנה'ס האַרץ אַז זי זאָל שטאַרק בעטן און וויינען צו דעם אויבערשטען אַז זי זאָל זוכה זיין צו קינדער, און פונדעסטוועגן, איז פנינה געשטראָפט געוואָרן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שם ב, ה) 'עד עקרה ילדה שבעה רבת בנים אומללה', אַז אירע קינדער זענען אַוועק פון דער וועלט רח"ל ביי איר לעבן[ו].

אדרבה, ס'איז דער רצון פון באַשעפער אַז דער מענטש זאָל מוותר זיין[ז] אויף זיין געלט, און ער זאָל מקיים זיין וואָס חז"ל זאָגן 'מה הוא רחום וחנון, אף אתה היה

---

**ו.** דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, האָט געזאָגט, אַז פונקט אַזוי ווי איינער וואָס לייגט אַריין זיינע הענט אין פייער, איז אפילו אויב מ'צווינגט איהם דערצו, וועט נישט העלפן פאַר איהם די טענה פון 'אונס', און זיינע הענט וועלן ווערן אָפּגעבריט און פאַרברענט (און אפי' אויב עס איז געווען 'לשם שמים', וועט עס איהם נישט העלפן), אַזוי אויך לעניננו - **יעדער צער פון אַ איד איז 'פייער', און אויך אויב עס איז 'באונס', און אַפילו ווען מ'מיינט עס 'לשם שמים', טוט ער זיך באַשעפטיגן מיט אַ ברענענדיגן פייער.**

**מן הבאר**

הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט ('צדקת הצדיק', אות קעה), אַז **מ'דאַרף זיך היטן נישט גורם צו זיין אַ צער פאַר קיין באַשעפעניש, אַפילו לצורך מצוה** וכו', און מ'ווערט געשטראָפט דערויף אפי' ווען עס איז לצורך מצוה.

ער ברענגט אַ ראיה דערצו פון 'תנא דבי אליהו' (רבה פכ"ד) וואָס זאָגט, אַז דער שטיין מיט וועלכן מ'האָט דורכגעפירט דעם עונש פון 'סקילה' אויף דעם מענטש וואָס בית דין האָט איהם מחייב געווען צו שטאַרבן דורך 'סקילה', און אויך דער בוים אויף וועלכן מ'האָט איהם אויפגעהאָנגען ('כל הנסקלין נתלין'), זענען אויך עתיד ליתן את הדין.

זאָגט הרה"ק רבי צדוק, אַז צוליב דעם טעם, האָבן די סנהדרין געפאַסט אין דעם טאָג ווען זיי האָבן גע'הרג'עט אַ מענטש (סנהדרין סג.) **כדי זיי זאָלן האָבן אַ כפרה, און כאָטש ס'איז דאָך אַ מצוה אויפ'ן בית דין צו משפט'ן און הרג'ענען דעם וואָס איז מחויב מיתה, אָבער סוף כל סוף, האָבן זיי מצער געווען אַ אידיש נפש...**

**ז.** דער 'פלא יועץ' שרייבט (ערך וותרנות) **אַז אַסאַך מאָל טוט די מדה פון וותרנות אַריינגעבן לעבן אין דעם וואָס איז מוותר, און עס ראַטעוועט איהם פון אַ צרה.** 'מה טוב חלקה, לא ידע אנוש ערכה' - ווי גוט איז איר חלק, קיין איין מענטש ווייסט נישט צו שאַצן איר ווערד, עכ"ל.

די גמרא (הוריות יד.) ברענגט אַ מורא'דיגע מעשה: רב יוסף איז גערופן געוואָרן מיטן' טיטל 'סיני', ווייל ער איז געווען אַ גרויסע 'בקי', און די תורה איז געווען מסודר אין זיין מוח, אַזוי ווען זי איז געגעבן געוואָרן אויפ'ן **באַרג סיני**, און רבה איז באַצייכנט געוואָרן אַלס 'עוקר הרים' - איינער וואָס טוט 'אויסרייסן בערג', ווייל ער איז געווען אַ גרויסער חריף און בעל פלפול.

ווען ס'איז געקומען די צייט וואָס מ'האָט געדאַרפט באַשטימען אַ נשיא, האָט מען געשיקט פרעגן אין ארץ ישראל, ווער ס'איז וויכטיגער צו קרוינען אַלס נשיא, איינער וואָס איז אין דער בחינה פון 'סיני' (אַ בקי, אַזוי ווי רב יוסף), אָדער אַן 'עוקר הרים' (ווי רבה). האָט מען געענטפערט, אַז **דער בקי איז חשוב'ער, ווייל אַלע דאַרפן אָנקומען צו דעם וואָס פאַרמאָגט אַסאַך 'ווייץ'** (דאָס הייסט, ער פאַרמאָגט אין זיין מח די גאַנצע תורה).

רחום וחנון', רחמנות צו האָבן אויף יעדן איד אין יעדן מצב וואָס ער איז, און זיך אומקוקן אויף איהם און מיטפילן דעם צער פון אַנדערע אידן, און אויך ווען ער איז גערעכט, זאָל ער זיך פירן 'לפנים משורת הדין', און מוותר זיין אויף דעם געלט וואָס עס קומט איהם, כדי נישט מצער צו זיין אַ צווייטן, און 'המקום ימלא

---

דערציילט די גמרא, אַז פונדעסטוועגן, כאָטש מ'האָט געזאָגט אין ארץ ישראל אַז דער 'סיני' איז חשוב'ער, האָט רב יוסף נישט גענומען אויף זיך דאָס נשיאות, און מ'האָט געקרוינט רבה אַלס נשיא, און נאָך 22 יאָר איז רבה נפטר געוואָרן און מ'האָט דעמאָלס געקרוינט רב יוסף'ן אַלס נשיא.

דערציילט די גמרא ווייטער, אַז במשך פון אַלע יאָרן ווען רבה איז געווען דער נשיא, איז אַפילו אַ 'מקיז דם' נישט אַריינגעקומען אין הויז פון רב יוסף. זאָגט רש"י, אַז רב יוסף האָט נישט געוואָלט פירן קיין שום 'שררה' (הערשאַפט) אין משך פון אַלע יאָרן וואָס רבה איז געווען דער נשיא - אַפילו מיט אַזאַ 'קליינינקייט' ווי אַריינברענגען אין הויז איינעם וואָס זאָל איהם נעמען בלוט ('הקזת דם').

דער תוספות הרא"ש דאָרט שרייבט אָבער אין נאָמען פונעם רמ"ה ז"ל, אַז ער האָט געטייטשט, אַז וויבאַלד רב יוסף האָט זיך געהאַלטן קליין און ער האָט נישט געוואָלט נעמען שררה אַזוי לאַנג ווי רבה האָט געלעבט, האָט **דער זכות פון זיין עניוות געשיצט איהם און זיין משפחה, אַז קיין איינער פון זיי איז נישט קראַנק געוואָרן במשך פון אַלע יאָרן ווען רבה איז געווען דער נשיא.** ממילא, האָט ער נישט געדאַרפט איינלאַדענען אַהיים צו זיך אַפילו אַן 'אומן' וואָס נעמט בלוט. דער ראַ"ש פירט אויס אויף די ווערטער פונעם רמ"ה: 'והדין פירוש מסתבר לן' - דער צווייטער פירוש לייגט זיך מער אויפ'ן שכל...

דער גאון רבי חיים פאַלאַג'י זי"ע שרייבט (רפואה וחיים פי"ב, אות עד) אַז **אויב מ'האָט ח"ו אַ חולה אינדערהיים זאָל מען טוהן אַ 'וותרנות', אפילו מיט די עופות וואָס פליען אַרום אויפ'ן הימל, און עס איז 'בדוק ומנוסה' אַז זיי וועלן מתפלל זיין פאַר איהם.**

די ספרים גיבן צו אַ רמז אין די ווערטער פונעם הייליגן גאון רבי חיים פאַלאַג'י, אַז אָפט מאָל טראַכט דער מענטש, ווי קען איך מוותר זיין פאַר יענעם, ער איז דאָך אַ 'בהמה אין דער געשטאַלט פון אַ מענטש'... וועגן דעם שרייבט רבי חיים פאַלאַג'י אַז מ'זאָל מוותר זיין אַפילו פאַר די עופות וואָס פליען אַרום אויפ'ן הימל, דאָס הייסט, **אויב יענער 'דערגייט דיר די יאָרן' ממש אַזוי ווי אַ פויגל וואָס שפּרינגט דיר אויפ'ן קאָפּ... און אויב דו ביזט פונדעסטוועגן מוותר פאַר איהם, איז 'בדוק ומנוסה' אַז ער וועט מתפלל זיין פאַר דיר...**

## מן הבאר

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק 'ואנשי קודש תהיון לי' - **'מענטשליך הייליג זאָלט איר זיין'**, און דער 'שפת אמת' זי"ע שרייבט (משפטים תרל"ב, ד"ה 'בשם'), אַז דאָס מיינט, אַז דער מענטש זאָל זיך היטן הייליג ביי אַלע זאַכן וואָס ער דאַרף טוהן. **פאַר דעם אויבערשטען אין הימל פעלן נישט הייליגע מלאכים, שרפים און חיות הקודש, נאָר ער גליסט דווקא אַז דער מענטש זאָל זיין הייליג דאָ, אויף דער וועלט,** עכ"ד.

אין דעם כלל איז אויך אַריינגערעכנט, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא וויל נישט אַז דער מענטש זאָל זיך פירן אַזוי ווי אַ מלאך - און זיך אָפשיידן פון די וועלט. אדרבה, ער זאָל זיך פירן גלייך אַזוי ווי אַלע מענטשן פירן זיך, **אָבער ער זאָל זיין הייליג..!**

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, פלעגט זאָגן אין זיינע הדרכות פאַר חתנים בדרך צחות: עס זענען דאָ יונגעלייט וואָס ווילן זיך דערהייבן צו זיין אַזוי ווי **מלאכים**. טוהען זיי צורעשט ווערן **'אויס מענטש'**... דאָס איז אָבער נישט דער ריכטיגער וועג. מיר געפינען אַ רמז דערויף אין פרשת קדושים, וואו די פרשה פאַנגט זיך אָן 'קדושים תהיו', און דערנאָך זאָגט די תורה, 'ואהבת לרעך כמוך'. דאָס לערנט אונז, אַז כאָטש אַ איד דאַרף לעבן הייליג, **איז נאָך אַלץ דאָ אַ מצוה 'ואהבת לרעך כמוך'...**

חסרונו' דער אויבערשטער וועט איהם שוין ערזעצן דעם שאָדן פון געלט וואָס ער האָט געהאַט צוליב דעם.

**ואנשי קודש תהיון לי - יעדער וואָס היט זיך די אויגן און מויל קען באַווייזן מופתים**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (כב, ל) אז דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, 'ואנשי קודש תהיון לי'. זאָגט דער מכילתא (פ"ב) רבי ישמעאל האָט געזאָגט, 'ואנשי קודש' - ווען איר זענט הייליג, 'תהיון לי' - זענט איר מיינס[ח], און דער 'ראשית חכמה' (פ"ב) שרייבט: 'וממשמע הן אתה שומע לאו, שאם אינו מתקדש, אינו שלי'... פון דעם (וואָס דער פסוק זאָגט 'איר זאָלט זיין הייליג צו מיר') פאַרשטייסטו, אַז אויב ס'איז חלילה פאַרקערט, דער מענטש טוט זיך נישט היילגן, איז ער נישט דעם אויבערשטען'ס[ט].

**אויך** זאָגט דער ירושלמי (ברכות פ"א, ה"ה) דער אויבערשטער האָט געזאָגט, 'אם אתה נותן לי את לבך ועיניך, הריני יודע שאתה שלי' - אויב דו וועסט מיר געבן דיין האַרץ און דיינע אויגן', וועל איך וויסן אַז דו ביזט מיינער.

**ווייטער** אין דער פרשה (כד, ו-ח) לייענען מיר: 'ויקח משה חצי הדם וישם באגנות, וחצי הדם זרק

**ח.** די גמרא זאָגט (סנהדרין קו.) אַז בלעם האָט געגעבן אַן עצה פאַר מואב צו מאַכן אידן זינדיגן ח"ו, כדי אַזוי אַרום שפּעטער צו קענען זיי אומברענגען ח"ו, און ער האָט געזאָגט 'אלקיהם **של אלו** שונא זימה' (סנהדרין קו.). לכאורה זענען די ווערטער 'של אלו' איבריג. עס וואָלט געווען גענוג צו זאָגן אַז זייער באַשעפער האָט פיינט זנות - 'אלקיהם שונא זימה'. נאָר די כוונה דערפון איז, 'אלקיהם **של אלו השונאים את הזימה' - דער מענטש וואָס האָט פיינט שענדליכקייטן און עבירות, זאָגט דער אויבערשטער וועגן איהם, 'איך בין זיין באשעפער'!** און וועלכער איז וויל דען נישט זיין איינער פון דעם אויבערשטען'ס 'מענטשן'...

**ט.** הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע האָט געזאָגט אין זיין הספד אויף דעם גאון מהר"ם שי"ק זי"ע אַ טייטש אויפ'ן פסוק 'ואנשי קודש תהיו לי, ובשר בשדה טריפה לא תאכלו', ווייל חז"ל (חולין סח:) דרש'ענען דעם פסוק, אַז עס רעדט וועגן פלייש וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון איר מחיצה (צום ביישפיל, 'קדשי קדשים', וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון די עזרה).

האָט דער 'ייטב לב' געזאָגט: 'שדה' - אַ פעלד, ווייזט אויף אַן אָרט וואָס איז אָפען אָן אַ מחיצה. קומט דער פסוק זאָגן, 'בשר בשדה' - **איינער וואָס וויל זיין הפקר ח"ו אַזוי ווי 'פלייש אויפ'ן פעלד' - אָן מחיצות, גדרים און סייגים, איז אין די בחינה פון 'טריפה' ח"ו.** (ספר 'נפש יהונתן', פון זיין תלמיד, הג"ר יהונתן ז"ל אב"ד סעליש, פ' וארא ד"ה 'הירא'),

**י.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כא, כד) 'עין תחת עין', שרייבט דער הייליגער בעל 'תפארת שלמה' זי"ע, אַ רמז על פי סוד, אַז עס קומט אונז צו לערנען, די מעלה פון **דער וואָס היט זיך אויף דער וועלט, אַז ער ווערט אָפּגעהיטן אויבן אין הימל** [אַזוי ווי די משנה זאָגט (אבות פ"ב, מ"א) 'דע מה למעלה ממך'. דאָס מיינט, אַלעס וואָס פּאַסירט אויבן אין הימל ('למעלה') איז 'ממך' - פון דיינע מעשים טובים אויף דער וועלט]. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים לג, יח) 'הנה עין ה' אל יראיו'. **דער מענטש וואָס היט זיינע אויגן נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, איז ער מעורר אַז דער אויבערשטער זאָל האַלטן אַן אויג אויף איהם, אָפּצוהיטן איהם פון יעדן מכשול.**

אויך טייטשט ער דעם פסוק (ישעיה סד, ג) 'עין לא ראתה אלקים זולתך, יעשה למחכים לו'. 'עין לא ראתה' - **דער מענטש וואָס היט זיינע אויגן נישט צו קוקן וואו אַ איד טאָר נישט קוקן,** 'יעשה למחכים לו' - **ערפילט דער אויבערשטער אַלע זיינע בקשות.** דאָס איז אויך די כוונה פון די ווערטער וואָס מיר זאָגן (הוצאת ספר תורה, תפילת שחרית לשבת) 'ונראהו עין בעין'. **דער מענטש איז זוכה צו זעהן די הייליגע שכינה, לויט וויפיל ער היט זיינע אויגן אויף דער וועלט.** אויך טייטשט ער: 'מעין עולם הבא'. 'מעין' - **דער מענטש וואָס היט זיינע אויגן, איז זוכה צו 'עולם הבא'.** דאָס איז דער פסוק מרמז: 'עין תחת עין'. **דאָס אויג פון מענטש אויף דער וועלט, איז אַנטקעגן דאָס אויג פון דעם אויבערשטען כביכול.**

צווישן די געהויבענע סלאָנימער חסידים אין דער אַמאָליגער טבריא, זענען געווען הרה"צ רבי מרדכי לידער זצ"ל (וועלכער ווערט גערופן אין סלאָנים מיט ליבשאַפט 'רבי מאָטקע'), און רבי אליעזר כ"ץ זצ"ל (וועלכער ווערט גערופן 'רבי לעזשע'). [מיר געדענקען נאָך, ווען אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע פלעגט קומען קיין טבריא וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן פון צייט צו צייט במשך פון עטליכע וואָכן, פלעגן צו איהם אַרויפקומען עלטערע סלאָנימער חסידים

וואָס האָבן נאָך געוואוינט אין שטאָט, און ער פלעגט שמועסן מיט זיי צו הערן פון די הנהגות פון דעם געהויבענעם חסיד רבי לעזשע ז"ל].

אַמאָל האָט הרה"צ רבי מאָטקע לידער גע'חלש'ט, און עס האָט געפעלט אַ האָר אַז ער זאָל פאַרלאָזן די וועלט ל"ע, נאָר מיט ניסי ניסים האָט מען איהם דערמונטערט און ער איז געקומען צו זיך. ווען ער איז געזונט געוואָרן, איז ער אַריינגעקומען אין שול, און אויסגעדרוקט פאַר די חבורה חסידים זיין שבח והודאה צום אויבערשטען פאַר דעם גרויסן נס וואָס ער האָט מיט איהם באַוויזן, צוגעבנדיג מיט אַ שמייכל: **'נעכטין האָב איך כמעט געמאַכט די קונץ'...** (דאָס הייסט, אַרויפצוגיין פון די 'ישיבה של מטה' צו די 'ישיבה של מעלה').

ווען רבי לעזשע האָט געהערט וואָס רבי מאָטל האָט געזאָגט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, און זיך הויך געוואונדערט פאַר איהם, אַז ער באַצייכנט דאָס אַרויפגיין אויפ'ן עולם העליון ווי אַ 'קונץ'?! ער האָט איהם געפרעגט: **'פון וואָס וואָלסטו געאָטעמט אויבן? איז דען דאָרט אַקטועל דער לאו פון 'ולא תתורו'?...**

אין סלאָנים פלעגט מען זאָגן אַ הסבר אויף די מעשה, אַז דער חסיד רבי מאָטקע איז געווען אין אַזאַ הויכע מדריגה, אַז איין שעה פון יגיעה אין עבודת השם אויף דער וועלט, איז געווען ביי איהם חשוב'ער און טייערער ווי אַלע פאַרגעניגענס אויף יענער וועלט. ער האָט טאָג און נאַכט געטראַכט פון עבודת השם, אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו נישט געטראַכט וועגן זיין פרוי און קינדער וואָס זענען שיער געבליבן אַן אלמנה און יתומים רח"ל, נאָר זיין הויפט שמחה איז געווען אַז ער איז געבליבן אויף דער וועלט וואו ער קען ווייטער פאָרזעצן צו דינען דעם אויבערשטען, און צוברעכן זיינע תאוות אויף דער וועלט.

צענדליגער יאָרן צוריק, האָט אין לאָנדאָן געוואוינט אַן ערליכער איד, הרב רבי אברהם שרייבער ז"ל, אַן אייניקל פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע [הרה"ק רבי יהודה'לע דזשיקוב'ער זי"ע האָט שטאַרק געלויבט זיין תמימות, זיך אויסדריקנדיג ביי אַ געלעגנהייט, אַז ס'איז כדאי זיך מטריח צו זיין און פאָרן ביז לאָנדאָן, כדי צו זעהן דעם טייערן איד].

אַמאָל איז זיין רעביצין געווען זייער נישט געזונט ל"ע, און זייערע קרובים, וועלכע זענען געווען נאָנט ביים גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָבן איר מזכיר געווען פאַר'ן 'בית ישראל', פאַר אַ רפואה שלימה. דער 'בית ישראל' האָט אָבער אַוועקגערוקט אין אַ זייט דאָס 'קוויטל', האָבן די קרובים פאַרשטאַנען פון דעם אַז ס'איז שווער פאַר'ן רבי'ן צו פועל'ן פאַר איר אַ ישועה. ווען זיי האָבן מפציר געווען אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל, האָט דער 'בית ישראל' זיך אָנגערופן צו זיי:

**מן הבאר**

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט אַמאָל געשמועסט מיט זיין משמש בקודש, החסיד המפואר רבי אליהו ראָטה זצ"ל, וועגן דברים העומדים ברומו של עולם, אַז נאָך אריכות ימים ושנים פון אַ מענטש קומט ער אַרויף צום בית דין של מעלה, און מ'פרעגט איהם וואָס ער האָט מיטגעברענגט פון די וועלט. וועט ער ענטפערן אַז ער האָט געברענגט 'אהבה' און 'יראה', וועלן די דיינים איהם נאָך נישט לויבן דערפאַר, וויל אהבה און יראה איז דאָ אין הימל גענוג, און אויב ער וועט זיך אויסדרייען צו די רעכטע זייט, וועט ער טאַקע הערן פילע צענדליגער טויזנטער מלאכים זאָגן 'קדוש קדוש קדוש'. פון דער אַנדערער זייט, אויף די לינקע זייט וועט ער הערן ווי די מלאכים זאָגן 'ברוך כבוד ה' ממקומו', און אַז נישט אויף דעם איז ער אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט, נאָר **דער אויבערשטער זוכט מסירות נפש, מ'זאָל צוברעכן די שלעכטע מידות און זיך איינהאַלטן פון די תאוות. צו פאַרמאַכן די אויגן און נישט קוקן אויף שלעכטס, און פאַרמאַכן דאָס מויל אין צייט פון אַ קריגעריי, ווען דער יצר הרע ברענט ווי אַ פייער, און ער בייסט איין די ציין מיט געוואַלדיגע כוחות הנפש און האַלט די אויגן פאַרמאַכט, נישט צו קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן.** פון די דאָזיגע זאַכן האָט דער אויבערשטער אַ פאַרגעניגן אויפ'ן העולם העליון, וויל דאָס איז אַ זאַך וואָס מ'טרעפט נישט אין הימל.

- **אַ איד וואָס היט די אויגן און דאָס מויל, קען אַליין פּראַווען מופתים...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז רבי אברהם שרייבער איז אַליין אימשטאַנד צו פועל'ן פאַר זיך אַ ישועה, וויל ער איז דאָך אַ איד וואָס פירט זיך בקדושה ובטהרה. זיין רעביצין איז טאַקע געזונט געוואָרן בעזרת השי"ת, און איז שפּעטער אַרומגעגאַנגען אויף דער גאַס כאחד האדם.

על המזבח וגו' ויקח משה את הדם ויזרוק על העם, ויאמר הנה דם הברית אשר כרת ה' עמכם על כל הדברים האלה'[יא].

**זאָגט** דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע ('אוהב ישראל', פ' שקלים, ד"ה 'כי תשא'), אַ טעם פאַרוואָס משה רבינו ע"ה האָט צעטיילט דאָס בלוט אויף צוויי חלקים. אַ העלפט דערפון, האָט ער אַריינגעלייגט אין כלים (וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדערע פאָרם ווי די כלים פונעם מזבח - רש"י), און ער האָט עס געוואָרפן אויפ'ן פאָלק, און די אַנדערע העלפט האָט ער געוואָרפן אויף דעם מזבח, ווייל דער 'אברבנאל' שרייבט, אַז ס'איז געווען איינגעפירט ביי די קעניגן, ווען זיי האָבן געשלאָסן אַ בונד, ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן אויף אַ שטאַרקערן אופן, און אַז יעדער איינער זאָל קומען צוהילף פאַר דעם צווייטן קעניג אויב ער וועט דאַרפן אָנקומען דערצו, אַז זיי פלעגן אָנגיסן צוויי בעכערס וויין, און יעדער איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען אַ טראָפּן בלוט פון זיין פינגער, און אַריינגעגאָסן דעם טראָפּן אינעם וויין פון זיין חבר. ווען יעדער איינער פון זיי האָט געטרינקען פון זיין בעכער וויין, וואו ס'איז געווען אַריינגעמישט דאָס בלוט פונעם צווייטן, איז דאָס בלוט פון יעדן איינעם פון זיי אויסגעמישט געוואָרן אינעם קערפּער פון דעם צווייטן, און דאָס איז געווען אַ סימן אַז דאָס 'חיות' פוןביידע איז צוזאַמענגעמישט, ווייל דאָס לעבן פון אַ מענטש באַשטייט דאָך פונעם בלוט, וואָס איז דער מקור און דאָס חיות פונעם מענטש. יעדער איינער פון זיי האָט זיך פאַרפליכטעט צו האָבן 'מסירות נפש' פאַר דעם אַנדערן, און לאָזן פאַרגיסן זיין בלוט פאַר יענעם.

**זאָגט** דער אַפּטער רב זי"ע, אַז אַזוי איז אויך געווען ביי דעם בונד וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דעם אויבערשטען און די אידן, ווייל מיר ווייסן דאָך אַז 'מלכותא דרקיעא כעין מלכותא דארעא' - אין הימל פירט מען זיך אַזוי ווי מ'פירט זיך אויף דער וועלט. צוליב דעם האָט משה רבינו ע"ה צעטיילט דאָס בלוט,

---

שפּעטער, ווען הרה"ק רבי יאַנקעלע פּשעוואָרסקער זי"ע האָט געהערט די מעשה, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ ווערטל: **"דער גערער רבי האט אויסגעזאגט דעם גאנצן סוד פון רבי'סטווע..."**.

דאָס הייסט, 'תורה מונחת בקרן זוית, וכל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול'. **יעדער איד וואָס היט זיך די אויגן נישט צו קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן, און ער היט זיך דאָס מויל פון רעדן ווערטער וואָס מ'טאָר נישט רעדן, איז זוכה צו באַווייזן מופתים און ישועות אויף דער וועלט.**

**יא.** רש"י זאָגט (פסוק ו') אַז פון דאָ האָבן חז"ל אַרויסגעלערנט, אַז אונזערע עלטערן זענען אַריינגעקומען אין דעם בונד מיט'ן באַשעפער, דורך זיך מל'ען, טבילה, און הזאת דמים. זעהען מיר פון דעם, אַז **דער וועג זוכה צו זיין צו אַ בונד מיט דעם אויבערשטען, איז דורך 'מל'ען' די 'ערלה' פונעם האַרץ, און דורך 'הזאת דמים', צו 'נעמען בלוט' פון זיך** (ברוחניות), און אַזוי ווערט מקוים ביי דעם מענטש די ווערטער פונעם נביא יחזקאל (טז, ו) 'ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי, ואומר לך בדמיך חיי'...

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע, ברענגט מערערע מאָל אין זיין ספר (לפסח, סדר הגדה, מאמר ט', און אויך אין אַנדערע ערטער) אַז איין יאָר חול המועד פסח, זענען עטליכע בחורים אַריינגעגאַנגען צום סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, און דער רבי האָט גערעדט צו זיי מיט ליבשאַפט, פרעגנדיג: 'קינדער טייערע, איר האָט אַוודאי געזאָגט די הגדה', און ער האָט איבערגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט מיט'ן נוסח די ווערטער פון דעם שטיקל **'ותרבי ותגדלי, ותבואי בעדי עדיים וגו' ואת ערום ועריה'**, און ער האָט שטאַרק געקרעכצט בעת'ן זאָגן דעם פּסוק. דער באַדייט פון דעם קרעכץ איז געווען קלאָר פאַר אַלע אָנוועזענדע בחורים, אַז דער רבי באַקלאָגט זיך אויף דעם אַז **מ'קען וואַקסן און שטייגן אין תורה און עבודת השם, און נאָך אַלץ בלייבן אין אַ מצב פון 'ערום ועריה' רח"ל.**

נאָכ'ן שווייגן אַזוי פאַר אַ צייט, האָט דער 'בית אברהם' פאָרגעזעצט: מ'זאָגט אָבער דאָרט (און ער האָט מדגיש געווען די ווערטער) 'ואעבור עליך ואראך **מתבוססת בדמיך**, ואומר לך בדמיך חיי ואומר לך בדמיך חיי'. דאָס הייסט, **אויב דער מענטש געפינט זיך נאָר אין אַ מצב פון 'מתבוססת בדמיך' - ער 'טרינקט זיך אין בלוט' ביים קעמפן מיט זיין יצר הרע.** דאַן ווערט ביי איהם מקויים 'ואומר לך בדמיך חיי' - **דער אויבערשטער זאָגט איהם, דאָס רוחניות'דיגע לעבן איז פול מיט חיות.**

און עס געגאָסן אויף דעם מזבח און אויפ'ן פאָלק, כדי צו ווייזן אויף דעם בונד וואָס מ'האָט געמאַכט, ווייל כביכול די בלוטן וואָס מ'האָט געמאַכט מיט'ן באַשפעער, ווייזט אַז אידן האָבן דעם כח פון מסירות נפש פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא[יב]. אין דעם איז באַשטאַנען דער בונד וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט מיט די אידן. אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'הנה דם הברית אשר כרת ה' עמכם' - צוזאַמען מיט אייך ('עמכם'), דעם אמת'דיגן יחוד (עיי"ש עוד).

פון דעם לערנען מיר, אַז ווען אַ מענטש קעמפט מיט זיין יצר הרע[יג], ער טוט 'פאַרגיסן בלוט' ווען ער איז מקריב זיין רצונות פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, טוט זיך דעמאָלס זיין בלוט 'אויסמישן' כביכול

---

**יב.** דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז אַמאָל געגאַנגען אויפ'ן וועג מיט זיין אייניקל, הרה"ק רבי ברוך'ל פון מעזיבוז זי"ע, וועלכער איז נאָך געווען אַ יונג קינד, און זיי האָבן באַגעגענט אַ גלח וואָס איז געווען פול מיט קרעץ ל"ע. דער גלח האָט געבעטן פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַן עצה פטור צו ווערן פון זיין צרעת. האָט דער בעל שם טוב איהם געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן קרעציג צוליב דעם וואָס ער לויפט כסדר נאָך זיינע תאוות, און די איינציגע עצה פאַר איהם איז, נאָר זיך אָפּצולאָזן פון זיינע תאוות. האָט דער גלח געוויינט פאַר דעם בעל שם טוב, אַז ער קען זיך נישט מתגבר זיין אויף זיינע תאוות.

דאַן האָט ער געפרעגט דעם בעל שם טוב, אַ נאַרישע שאלה: 'און איר זענט יאָ בכח זיך צו שטאַרקן אויף אייערע גליסטונגען?'. האָט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געוויזן פאַר דעם גלח זיין 'דיוקנא קדישא' - די באָרד, אַז ס'איז שוין ווייס... ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ער איז שוין נישט אַ יונגערמאַן, און ממילא, האָט ער נישט קיין שייכות מיט תאוות עולם הזה.

שפּעטער, האָט דער רבי ר' ברוך געפרעגט דעם זיידן, פאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט פאַר דעם גוי דעם אמת, אַז דו ביזט אַ איד, און אַ איד פאַרמאָגט די כוחות זיך אָפּצוהיטן פון עבירות און תאוות. האָט דער בעל שם טוב געענטפערט זיין אייניקל, דעם רבי'ן ר' ברוך'ל:

**- ס'איז נישט מעגליך צו ערקלערן פאַר אַ גוי וואָס עס מיינט אַ איד... אַ גוי איז נישט אימשטאַנד צו פאַרשטיין דעם מהות פון אַ איד!**

יאָרן שפּעטער, ווען דער רבי ר' ברוך'ל האָט אַמאָל דערציילט די מעשה, האָט ער צוגעגעבן:

- דער הייליגער זיידע האָט געזאָגט אַז אַ גוי קען נישט פאַרשטיין דעם מהות פון אַ איד, און איך זאָג, אַז **אויך דער איד אַליין, האָט נישט די מינדעסטע השגה צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט אַ איד, און וויפיל געוואַלדיגע כוחות ער פאַרמאָגט אין זיך, צו שטאַרקן זיך איבער זיין יצר הרע...**

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (תהלים קמה, יב) 'להודיע **לבני האדם** גבורותיו'. דאָס וואָרט 'גבורותיו' גייט אַרויף (אויך) אויף דעם מענטש. **דער מענטש דאַרף זיך אַליין לאָזן וויסן וואָס פאַר אַ שטאַרקע כוחות ער פאַרמאָגט אין זיך...** ער זאָל נישט הערן די טענות פונעם יצר הרע וואָס פּרובירט איהם אָפּשוואַכן ח"ו, מיט די טענה, ס'איז דיר שווער... דו ביזט נישט מסוגל... ס'איז אַ ליגן. דער מענטש איז יאָ מסוגל צו שטאַרקן זיך אויף זיין יצר הרע!

**יג.** מיר לייענען אין דער הייניטיגער סדרה (כב, ל) 'ובשר בשדה טריפה לא תאכלו, לכלב תשליכון אותו'. דאָס מיינט, אויב אַ בהמה איז פאַרציקט געוואָרן דורך אַ וואָלף אָדער אַ לייב א.ד.ג., טאָר מען נישט עסן דאָס פלייש פון די בהמה, ווייל עס איז 'טריפה'. עס איז אַ מצוה צו וואַרפן דאָס פלייש פאַר דעם הונט.

זאָגט דער 'דעת זקנים מבעלי התוספות', אַ טעם פאַרוואָס מ'וואַרפט דאָס טריפה'נע פלייש פאַר'ן הונט, ווייל ס'איז דער סדר, אַוועקצושטעלן אַ הונט צו היטן די שאָף פון פאַרציקנדע חיות, און **וויבאַלד דער הונט האָט מסירות נפש און קעמפט מיט'ן לייב ווען זיי קומען פאַרציקן די שאָף, טאָר מען נישט זיין אַ 'כפוי טובה'**, און דעריבער, דאַרף מען געבן דאָס טריפה'נע פלייש פאַר'ן הונט, אַלס שכר פאַר דעם וואָס ער האָט ביז יעצט געהיטן, און ער היט אויך ווייטער, די שאָף, אַז זיי זאָלן נישט פאַרציקט ווערן.

דאַרף מען פאַרשטיין די ווערטער פון די בעלי התוספות. דאָ רעדט מען דאָך פון אַן אופן וואו **די בהמה איז למעשה 'פאַרציקט' געוואָרן**, און די היטונג פונעם הונט האָט **נישט** געהאָלפן צו היטן ריכטיג די שאָף. אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרדינט דער הונט הכרת הטוב דערפאַר? אדרבה, דער שכל וואָלט דיקטירט פאַרקערט, אַז דייקא יעצט,

מיט דעם אויבערשטען ברוך הוא! ער ווערט נאָנט צום אויבערשטען מיט אַ געוואַלדיגע נאָנטקייט[יד], ווי דער

---

ווען ער האָט נישט געהיטן די שאָף געהעריג, דאַרף מען איהם באַשטראָפן און כאַטש איהם נישט 'שענקען' מתנות, ווייל ער האָט דאָך נישט ערפילט זיין אויפגאַבע. אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרדינט דער הונט צו באַקומען פונעם פלייש?

ענטפערן די ספרים (און אַזוי שטייט אין ספר 'ישמח יהודה'), אַז די תורה האָט אונז געוואָלט לערנען, אַז אפילו אויב דער הונט איז געשטרויכלט געוואָרן מיט זיין היטונג און די בהמה איז פאַרציקט געוואָרן, איז יעצט נישט די צייט און דאָס אָרט איהם צו באַשטראָפן, נאָר אדרבה, מ'דאַרף איהם באַצאָלן זיין לוין פאַר די גוטס וואָס ער האָט געטוהן ביז יעצט, און פאַר אַלעם וואָס ער וועט נאָך טוהן, האַלטנדיג אַן אויג צו היטן אויף די פאַרבליבענע שאָף. **אַפילו אויב עס פאַסירט מיט איהם אַ 'נפילה', ער איז דורכגעפאַלן אין זיין שמירה, דאַרף מען זעהן די 'מעלות' וואָס ער פאַרמאָגט, וואָס ער האָט געטוהן, און ער וועט נאָך טוהן מיט אַנדערע באַשעפעניש.**

לדידן יאמר, אויב דער מענטש האָט זיך נאָכגעלאָזט ח"ו אין עבודת השם. ער האָט געהאַט אַ 'דורכפאַל' ח"ו, איז נישט די צייט און דאָס אָרט צו זיין טרויעריג צוליב זיין מכשול, נאָר אדרבה, ער זאָל זיך שטאַרקן מיט דעם וואָס ער איז ב"ה נאָך נישט אַדורכגעפאַלן ביז יעצט אין אַנדערע ענינים, און אפילו אויב ער איז אַדורכגעפאַלן ביי איין עבירה ח"ו, זאָל ער נאָך אַלץ טראַכטן וועגן זיך אַז ער איז מקיים אַסאַך מצוות, און ער זאָל זיך שטאַרקן מיט די גוטע נקודות וואָס ער פאַרמאָגט נאָך (אַוודאי דאַרף מען אין די יעצטיגע טעג פון שובבי"ם, אָדער ביי שלש סעודות, 'רעוא דרעווין', מהרהר זיין בתשובה, אָבער) **מ'טאָר נישט זיין אַריינגעזינקען אין די 'נפילה', נאָר אַריינלייגן אַלע געדאַנקען אין די הצלחות, און זיך גאָר שטאַרק פרייען מיט יעדעס מאָל וואָס מ'האָט ברוך השם באַוויזן צו שטאַרקן זיך אויף דעם יצר הרע.**

**יד.** ס'איז פשוט אוממעגליך צו שילדערן די גרויסע מעלה פון איינעם וואָס 'פאַרגיסט זיין בלוט' און ער קעמפט מיט זיין יצר הרע, צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, ווי עס שטייט אין 'תנא דבי אליהו' (רבא פ"ט) בזה הלשון: וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס האָט נישט געזינדיגט און איז נישט אַראָפּ פון גוטן וועג. **אַפילו אויב ער איז אַ 'ישראל', איז ער ראוי צו ברענגען אַ קרבן עולה אויף דעם מזבח, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן דער כהן גדול,** ווי דער פסוק זאָגט (פרשתינו כד, ה) 'וישלח את נערי בני ישראל, ויעלו עולות', **אָבער איינער וואָס ס'איז איהם אונטערגעקומען אַ נסיון, און ער האָט זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר, און זיך צוריקגעהאַלטן פון די עבירה, דורך דעם וואָס ער מאַכט זיך גלייך ווי ער איז 'פויל', איז ער אין די מדריגה פון אַ מלאך,** ווי דער פסוק זאָגט (שם פסוק יא) 'ואל אצילי בני ישראל לא שלח את ידו, ויחזו את האלוקים ויאכלו וישתו'. [ער דרש'ענט דאָס וואָרט 'אצילי', אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען 'עצילי' - פון לשון פוילקייט].

טייטשט דער 'זיקוקין דנורא', אַז איינער וואָס ס'איז איהם אינגאַנצן נישט אונטערגעקומען צו טוהן אַן עבירה ח"ו, איז ער טאַקע אַזוי ווי אַ כהן גדול וואָס איז מקריב אַ קרבן עולה, אָבער ער זעהט נאָך נישט די שכינה. **אָבער דער מענטש וואָס האָט געהאַט אַ נסיון פון אַן עבירה, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר, איז אַסאַך גרעסער, און זיין שכר וועט זיין אַז ער וועט געניסן מזיו השכינה, אַזוי ווי די מלאכים אין הימל.** [ער גיט צו, אַז באמת האָט ער נאָך אַ גרעסערע מעלה ווי די מלאכים, ווייל די מלאכים האָבן דאָך נישט אַ יצר הרע, און זיי מוזן טוהן גוט. מ'פאַרגלייכט נאָר דעם 'פוילן מענטש' וואָס איז 'פויל' צו זינדיגן, צו די מלאכים לגבי דעם, אַז ער איז זוכה נהנה צו זיין מזיו השכינה, אַזוי ווי די מלאכים].

### מן הבאר

הרה"ק בעל 'בית ישראל' מ'גער זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ בחור וואָס האָט געבעטן פון איהם אַ הדרכה: **'זיי אָפּגעהיטן'** (פון שלעכטס). האָט דער בחור געפרעגט, ווי אַזוי קען מען זיין אָפּגעהיטן? האָט דער 'בית ישראל' איהם געענטפערט מיט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, כח) **'ובעל השור נקי'**. 'שור' איז פון לשון זעהן ('אראנו ולא עתה, אשורנו ולא קרוב'). דאס הייסט, **אויב דער מענטש איז בעה"ב אויף זיין כח הראיה, איז ער 'נקי' - ריין...**

דערנאָך האָט דער 'בית ישראל' געזאָגט צו דעם בחור דעם פסוק (דברים כא, ז) 'ידינו לא שפכה את הדם הזה ועינינו לא ראו'. **אויב דער מענטש היט זיך נישט נכשל צו ווערן מיט אַ ראיה אסורה** ('עינינו לא ראו'), **קען ער זאָגן אויף זיך, 'ידינו לא שפכה את הדם הזה'...**

'אוהב ישראל' רעדט דאָרט אַרום באריכות, אַז דורך דעם טוט דער אויבערשטער משפיע זיין אויף איהם רחמים און חסדים, און אַלע גוטע השפעות.

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (כא, כו-כז) 'וכי יכה איש את עין עבדו לחפשי ישלחנו תחת עינו. ואם שן עבדו או שן אמתו יפיל, לחפשי ישלחנו תחת שינו'. זאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זצ"ל (סעודה ג' משפטים תשנ"ד) אין נאָמען פון צדיקים, 'שן' איז מרמז אויף די תאווה פון עסן און פונעם דיבור (וואָס מ'רעדט מיט'ן מויל). אויף דעם איז דער פסוק מרמז, אַז ווען דער מענטש טוט 'שלאָגן זיין צאָן' - דאָס הייסט, ער קעמפט קעגן זיין יצר הרע און באַזיגט איהם אין די דאָזיגע ענינים, נישט זיך נאָכצוגעבן די תאוות וואָס זיין האַרץ גליסט, און ער היט זיין מויל, נישט צו טשעפען מיט אַן אַנדערן אָדער רעדן ווערטער וואָס מ'טאָר נישט רעדן, און די זעלבע טוט ער מיט די עין, ער 'שלאָגט זיין אויג'. דאָס הייסט, ער היט זיינע אויגן ווי עס דאַרף צו זיין, וועט ער באַקומען שכר, אַז 'לחפשי ישלחנו' - ער וועט אַרויסגיין פריי פונעם יצר הרע.

**מ'קען** בעסער ערקלערן דאָס ענין, לויט ווי דער 'רבינו בחיי' זאָגט ביי דעם דין פון 'שן ועין', אַז דער טעם פאַרוואָס דער קנעכט גייט אַרויס פריי ווען מ'טוט אויסהאַקן זיין אויג אָדער זיין ציין, ווייל די גאַנצע קנעכטשאַפט נעמט זיך פון די צוויי איברים (פון אויג, און פון מויל), אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ט, כב) 'וירא חם אבי כנען את ערות אביו ויגד לשני אחיו בחוץ'. ער האָט געזעהן זיין טאַטע'ס שאַנדע, און ער האָט עס דערציילט מיט'ן מויל[טו], איז ער צוליב דעם געשטראָפט געוואָרן מיט די קללה פון נח (שם, פסוק כה), 'ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו'. און וויבאַלד מ'האָט אויסגעהאַקט דעם אויג און דעם ציין פונעם קנעכט, ווערט דער גוף פטור פון די שטראָף פון עבדות, עכ"ל.

**זעהען** מיר פון די ווערטער פונעם 'רבינו בחיי', אַז דער 'פגם' פונעם אויג אָדער פונעם ציין ברענגט דעם שעבוד און עבדות[טז], און ממילא, איז דער מענטש וואָס היילט די דאָזיגע איברים, זוכה באַפרייט צו ווערן אויף אייביג פון זיין קנעכטשאַפט.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו אַלע ברכות און ישועות, וברך את לחמך ואת מימיך, והסירותי מחלה מקרבך, און מיר זאָלן בקרוב באַפרייט ווערן פון עול הגלות, בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

---

**טו.** אַ איד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר דעם הייליגן רוזינער זי"ע אַז ער ליידט פון אויגן ווייטאָג. האָט דער רוזינער איהם געזאָגט:

- ווער האָט דיר איינגערעדט אַז די אויגן טוהען דיר וויי? **אפשר טוסטו וויי פאַר דיינע אויגן** (דורך קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן).

**טז.** צדיקים האָבן געזאָגט (געברענגט אין ספר 'טיול בפרדס', אות ר') **אויף דעם פסוק** (תהלים ל, ו) 'כי **רגע** באפו **חיים ברצונו**'. דער מענטש דאַרף זיך גאָר שטאַרק היטן מיט יראת חטא, ווייל עס פאַסירט אַמאָל אַז דער מענטש איז עובר אויף אַ מצוה, אַפילו איין 'רגע'... און ער וועט זיין גאַנצן לעבן דאַרף איבערבעטן (ברצונו' איז פון לשון 'ריצוי') **דעם** אויבערשטען כביכול דערפאַר.

## ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי

החסיד המפואר רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ זצ"ל פלעגט שילדערן ווי דער 'בית אברהם' זי"ע פלעגט מיט זיין צדקות און קדושה פאָדערן פון זיינע חסידים צו דינען דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן כח, און אָן קיין פשרות.

איינמאָל האָט רבי ישראל שמעון דערציילט, אַז אַמאָל ביי אַ טיש, איז דער 'בית אברהם' געווען שטאַרק פאַרטוהן אין זיינע הייליגע געדאַנקען. אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס דער 'בית אברהם' איז געזעסן אַזוי פאַרטראַכט, האָט געהערשט אַ שטילשווייגעניש אין בית המדרש, פון גרויס פחד וואָס דער עולם חסידים האָט געהאַט פאַר'ן רבי'ן. פלוצלינג האָט דער 'בית אברהם' זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, און געזאָגט:

- שלמה המלך ע"ה זאָגט (קהלת ז, י) 'אל תאמר מה היה שהימים הראשנים היו טובים מאלה, כי לא מחכמה שאלת על זה'. שלמה המלך מיט זיין חכמה, האָט אונז געוואָלט לערנען, אַז עס זאָל זיך נישט דאַכטן פאַר דעם מענטש אַז נאָר אין די פריערדיגע דורות זענען געווען צדיקים אויף דער וועלט, 'כי לא מחכמה שאלת על זה', אדרבה, **אויך אין אונזערע צייטן, ווען עס זענען ליידער דאָ אַזוי ווייניג חכמים און צדיקים, קען יעדער בחור אָדער אינגערמאַן משיג זיין כמעט אַלע מדריגות וואָס די צדיקים האָבן משיג געווען אין די פריערדיגע צייטן, ווייל ווען ער גייט אויפ'ן וועג און ער שטאַרקט זיך צו היטן זיינע אויגן פון ראיות אסורות, נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, און ער האַלט מלחמה מיט זיין יצר הרע, דערגרייכט ער מיט די דאָזיגע פעולות 'נאָנט' צו די געהויבענע מדריגות פון די פריערדיגע צדיקים.**

דאַן האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעזעצט אויף זיין אָרט, און איז ווידעראַמאָל געוואָרן שטאַרק פאַרטראַכט. אַ צייט שפּעטער, האָט ער זיך ווידעראַמאָל אויפגעשטעלט פון אָרט, און האָט איבערגע'חזר'ט די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט פריער, נאָר מיט אַ קליינע טויש:

- שלמה המלך ע"ה זאָגט אין ספר קהלת, 'אל תאמר מה היה שהימים הראשונים היו טובים מאלה, כי לא מחכמה שאלת על זה'. שלמה המלך האָט אונז געוואָלט לערנען מיט זיין חכמה, אַז פאַר דעם מענטש זאָל זיך נישט דאַכטן אַז נאָר אין די פריערדיגע דורות זענען געווען צדיקים אויף דער וועלט, 'כי לא מחכמה שאלת על זה'. אויך אין אונזערע היינטיגע צייטן, קען יעדער יונגערמאַן אָדער בחור דערגרייכן און אָנקומען צו די זעלבע מדריגות וואָס די צדיקים אין די פריערדיגע דורות האָבן געהאַט, ווייל ווען ער גייט אויפ'ן וועג און שטאַרקט זיך צו היטן זיינע אויגן פון ראיות אסורות, און ער קעמפט מיט אַ 'מלחמת מצוה' קעגן דעם יצר הרע, טוט ער דורך די דאָזיגע פעולות דערגרייכן 'ממש' צו זייערע הויכע מדריגות, **און ער איז גלייך מיט זיי 'שוה בשוה'!**

דאַן האָט דער 'בית אברהם' זיך ווידעראַמאָל אַראָפּגעזעצט אויף זיין אָרט, און איז ווידער געוואָרן שטאַרק פאַרטראַכט, און פאַר'ן זיך וואַשן די הענט צו 'מים אחרונים', האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ דריטן מאָל, און מיט אַ פלאַם-פייערדיגן פנים האָט ער געזאָגט מיט התלהבות:

- שלמה המלך ע"ה זאָגט אין ספר קהלת, 'אל תאמר מה היה שהימים הראשונים היו טובים מאלה, כי לא מחכמה שאלת על זה'. שלמה המלך האָט אונז געוואָלט לערנען מיט זיין חכמה, אַז פאַר דעם מענטש זאָל זיך נישט דאַכטן אַז נאָר אין די פריערדיגע דורות זענען געווען צדיקים אויף דער וועלט, 'כי לא מחכמה שאלת על זה'. אדרבה, **'דווקא'** אין די היינטיגע צייטן, קען יעדער יונגערמאַן אָדער בחור דערגרייכן און אָנקומען צו **'העכערע'** מדריגות ווי די צו וואָס די צדיקים אין די פריערדיגע דורות האָבן געהאַט, ווייל ווען ער גייט אויפ'ן וועג און שטאַרקט זיך צו היטן זיינע אויגן פון ראיות אסורות, און ער קעמפט מיט אַ 'מלחמת מצוה' קעגן דעם יצר הרע, טוט ער דורך די דאָזיגע פעולות דערגרייכן **'אַסאַך העכער' פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות**, און אַלע מלאכים און שרפים זענען מקנא דעם איד וואָס ער שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע און טוט דעם רצון פון באַשעפער!

און אויב דער סלאָנימער רבי, דער 'בית אברהם', האָט אַזוי געזאָגט אין זיינע צייטן, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי היינטיגע צייטן, איז זיכער אַז יעדע איבערשטרענגונג פאַר יראת שמים איז זייער חשוב ביי דעם אויבערשטען, און דאָס ברענגט אַ גרויסע ליבשאַפט צווישן די אידן און זייער טאַטן אין הימל, און דורך דעם וועט ער שנעל צואיילן די טריט פונעם גואל צדק בב"א.